בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קכ"ה

**יו"ל: ח' אלול ה'תשפ"ג לפ"ק**

מכון טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

# תוכן השיעור

**זיי האבן וואס צו טאנצן...**
**וויסן אז עס פעלט**
**"לְגַלְגֵּל עַצְמוֹ בְּכָל מִינֵי רֶפֶשׁ וָטִיט"**
**"כַּאֲשֶׁר יַחְמֹל אִישׁ עַל בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ"**
**תפילה דעקט אויף**
**וואס שרייסטו?!**
**"לחיים, מיר זאלן תשובה טוהן!"**
**ריטשקעס טרערן האבן זיך געגאסן...**
**"אין תורה כתורת ארץ ישראל"**
**"בָּז לְדָבָר יֵחָבֶל לוֹ"**
**"הָיָה רַק כֻּלּוֹ טוֹב בְּלִי שׁוּם צַד קְפֵדָה וָכַעַס כְּלָל"**
**"לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה'"**
**די גניבה 'כל נדרי' ביינאכט**
**נישט יענעם צעביילן...**
**אויפגעדעקט דער העלמה**
**"ער שיסט שוין פולווער!"...**
**איך וועל אויספירן מיט מיינע בעלי בתים**
**"כִּי יַרְבֶּה לִסְלוֹחַ"**
**"ועכשיו" - די רגע!**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #125

בס"ד

# פרשת תרומה (ח"א)

שנת תשל"ו

(טייפ מס' 138#)

## זיי האבן וואס צו טאנצן...

(חסרה ההתחלה; מסַפר זכרונות מראש השנה שלו באומן בתחילת התקרבותו:) **...מען איז געקומען צו פארן, די גאנצע גאס איז געווען פול מיט קארעטעס, מען האט נישט געקענט צוגיין צום שול. למשל, אז מארגן איז ערב ראש השנה, איז היינט אין דער צייט - א צוויי דריי שעה פאר מנחה, געווען די גאנצע גאס שווארץ...**

**די שמחה וואס איז געווען ביים אנקומען, מען האט זיך ארומגעכאפט, מען האט זיך געקושט, די "ברכת שהחיינו" וואס מען האט געמאכט, עס איז געווען ממש אזא מין שמחה - געוואלדיג!**

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: מען האט געמאכט "שהחיינו'ס"?) **רוב האבן געמאכט "שהחיינו'ס"! "מחיה מתים" - שוין נישט אלע. עס איז שוין דארטן דא חילוקים ווען יא און ווען נישט[א].**

**איך געדענק, רבי מרדכי סאקאלאווער[ב] איז געווען אויף ראש השנה תרע"ה, [אלע זענען געווען, א גאנצער וואגאן איז אנגעקומען פון פוילן פון עפעס ארום הונדערט מענטשן - און נאך מער].** (עמדתי משתומם:) **'דאס איז א רב?!' עס האט זיך**

---

[א] עיין שו"ע או"ח סי' רכ"ה, סעי' א', ובנו"כ שם.

[ב] ה"ה הרה"ח **ר' מרדכי מנחם נפתלי** ב"ר יחזקאל **האלבערשטאט הי"ד**. גאון אדיר ומו"צ דעיר סוקולוב. קיבל את סמיכתו מהגאון ר' יושע בער מבריסק. הראשון באנשי פוילן להתקרב לדעת רביז"ל. (נתקרב ע"י שראה את עבודתו של ר' נחום שוסטער). נפטר מרעב בגלות סיביר ט"ו בשבט תש"ב.

גארנישט געשפירט אז דאס איז דער סאקאלאווער רב - געטאנצט און געשפרונגען!
עס איז געווען ביי מיר דאס ערשטער ראש השנה, (וחשבתי לעצמי:) 'רבונו של עולם, וואו בין איך דא אין דער וועלט?! וואס טוהט זיך דא?! עס איז עפעס א גן עדן, עס איז גארנישט אין דער וועלט, די שמחה מיט די חדוה, עס איז גארנישט קיין שמחה וואס האט א גבול, דאס איז א שמחה אָן קיין גבול! וואו-וואס? ברידער פרייען זיך דען אזוי?!'

עס איז אלעמאל אנגעקומען נייע מענטשן, האב איך אלץ געפרעגט - ווער איז 'דער', ווער איז 'דער'? - (ענו לי על אחד:) 'דער' איז א רב - רבי מרדכי סאקאלאווער!' - ער טאנצט און שפרינגט...

זיי (- העולם) פרעגן דאך, 'פארוואס טאנצט איר אלע טאג?' זאג איך אים: **"מסתמא אז זיי טאנצן האבן זיי וואס צו טאנצן; פארוואס טאנצט איר נישט? אז איר טאנצט נישט - האט איר נישט וואס צו טאנצן! אז זיי טאנצן - האבן זיי יא פארוואס צו טאנצן! א סימן - אז זיי טאנצן!"...**

פארוואס טאנצט איר נישט? איר האט נישט וואס צו טאנצן! זיי האבן יא וואס צו טאנצן - טאנצן זיי יא!

זיי האבן וואס צו טאנצן!

❖ ❖ ❖

## וויסן אז עס פעלט

דער רבי גיט אריין אז מען זאל וויסן אז עס פעלט - עס פעלט און מען דארף שרייען. זיי ווייסן נישט אינגאנצן אז עס פעלט - עס פעלט זיי גארנישט... (נדמה להם:) זיי וועלן קומען אהינצו 'אנשים שלימים', מען וועט זיי גארנישט פרעגן, מען וועט זיי אנטקעגן גיין און אנטקעגן טאנצן מיט א שמחה, "צדיק בא", ממש אזוי ווי עפעס א הויכע נשמה וואס די פמליא של מעלה גייט אים אנטקעגן... - זיי מאלן זיך אויס אז זיי זענען אויך אזוי - וואס פעלט זיי?!...

דאס אליין איז דאך א מתנה פון דעם רבי'ן, אז מען ווייסט אז עס פעלט, מען ווייסט אז עס פעלט, "רְאֵה מְסֻכָּן כָּמוֹנִי", "מִכַּף רֶגֶל וְעַד רֹאשׁ אֵין בּוֹ מְתֹם"[ג], זיי ווייסן גארנישט וואספארא ווערטער דאס איז - דאס איז א מתנה פון דעם רבי'ן!

נו, מען דארף דערויף דאנקען השי"ת. דאס אליין וואס דער רבי האט אונז ארייגעשיינט אז מען זאל וויסן אז עס פעלט, נישט נאר אז עס פעלט, נאר "אין בי מתום מכף רגל ועד ראש" - מען גיט א קוק - דאס איז נישט גאנץ, דאס איז נישט גאנץ, "ראה מסוכן כמוני".

איך האב געזעהן אידן פון עטליכע אין אכציג יאר, אידן יראים ושלימים, ממש קדושים, זיי האבן אזוי געשריגן אויפן ציון הקדוש: "ראה מסוכן כמוני" - ממש אזוי ווי דער גרעסטער בעל עבירה! - דאס איז א מתנה פון דעם רבי'ן אז מען זאל דאס קענען!

❖ ❖ ❖

## "לְגַלְגֵּל עַצְמוֹ בְּכָל מִינֵי רֶפֶשׁ וְטִיט"

(ר' חיים שלמה: דער רבי זאגט אז מען דארף מפרש זיין בלשון אשכנז וואס מען לערנט[ד] -) ווייל דאס אליין וואס מען רעדט ארויס, דאס הייסט שוין: "וְהוּא מְחֹלָל מִפְּשָׁעֵנוּ"[ה].

(ר' חיים שלמה: וואס איז פשט? דער צדיק האט יסורים פון דעם?) אוודאי.

(ר' חיים שלמה: איך דארף מאכן יסורים פארן צדיק?) דאס ענין וואס דער אויבערשטער לאזט זיך אראפ און ער איז זיך מלביש מיט הכנעה פאר אונז, דאס איז דאך א מין

---

[ג] ישעי' א, ו.

[ד] ליקוטי מוהר"ן סי' קי"ח, וזל"ש (ע"פ קיצור ליקו"מ): **כְּשֶׁלּוֹמֵד, טוֹב לְפָרֵשׁ הַדָּבָר בְּלָשׁוֹן שֶׁמֵּבִין, וְהוּא טוֹבָה לְהָעוֹלָם** ... וּכְמוֹ שֶׁמָּשִׁיחַ סָבִיל מַרְעִין עֲבוּר כָּל יִשְׂרָאֵל לְכַפֵּר עֲלֵיהֶם, כְּמוֹ כֵן כָּל צַדִּיק הַדּוֹר הוּא סוֹבֵל יִסּוּרִים בִּשְׁבִיל כְּלַל יִשְׂרָאֵל לְהָקֵל מֵעֲלֵיהֶם, גַּם מַה שֶּׁאֵין אָנוּ זוֹכִים לְהַשִּׂיג הַדְּבָרִים שֶׁל חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק כְּמוֹת שֶׁהֵם כְּמוֹ שֶׁיָּצְאוּ מִפִּי הַצַּדִּיק בְּגָבְהֵי מְרוֹמִים, **רַק צְרִיכִים לְפָרְשָׁם לָנוּ בְּדֶרֶךְ חֹל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז אוֹ כַּיּוֹצֵא בּוֹ בִּלְשׁוֹן חֹל שֶׁרְגִילִין לְדַבֵּר בּוֹ, זֶהוּ גַּם כֵּן בְּחִינַת: "וְהוּא מְחֹלָל מִפְּשָׁעֵינוּ"** (יְשַׁעְיָהוּ נג, ה) בְּחִינַת דְּאִתְעָבֵד חֹל בְּגִינַיְהוּ (זֹהַר־הַקָּדוֹשׁ כִּי תֵצֵא ר"פ). וְזֶה גַּם כֵּן אֵצֶל הַצַּדִּיק בְּחִינַת סָבִיל מַרְעִין לְכַפֵּר עַל יִשְׂרָאֵל.

[ה] ישעי' נג, ה.

קטנות לטובת העולם. דער אור אין-סוף איז זיך מלביש אין דער 'מחשבה דיבור ומעשה' פון יעדן איינעם[ו].

דער תירוץ איז, דער רבי זאגט אין תורה ה' אין דעם אנדערן חלק - א ראש השנה'דיגע תורה, אז דער צדיק לאזט זיך אריין אין 'רפש וטיט' צוליב א נחת רוח אפילו פאר א מנהג[ז]. דעמאלט טאקע איז דער רבי געפאלן ביי תשליך דארטן[ח]. אבער בפשטות ווערט געבראכט, דער צדיק מיט זיינע השגות אלקות וואס ער האט - ער איז דאך אזוי דבוק אינעם אויבערשטן, מען קען דאך גארנישט משער זיין ווי ער איז מטייל אין די היכלות למעלה. ממילא, אז ער וויל א טובה טוהן א מענטשן, מוז ער זיך אריינלאזן אין דעם צינור אריין וואו ער איז, ער מוז זיך ממש אריינלאזן אין זיינע נארישקייטן, ער מוז דאך נאר א טראכט געבן ביי וואס דער מענטש האלט, וואס (דערמיט) לאזט ער זיך שוין אריין אין זיין צינור[ט].

---

[ו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד, אות ב': **וְכָל יוֹם יֵשׁ בּוֹ מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְצַמְצֵם אֱלֹקוּתוֹ מֵאֵין סוֹף עַד אֵין תַּכְלִית. עַד נְקֻדַּת הַמֶּרְכָּז שֶׁל עוֹלָם הַגַּשְׁמִי שֶׁעוֹמֵד עָלָיו, וּמַזְמִין לוֹ לְכָל אָדָם מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, לְפִי הַיּוֹם וּלְפִי הָאָדָם וּלְפִי הַמָּקוֹם. וּמַלְבִּישׁ לוֹ בְּזֹאת הַמַּחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה שֶׁמַּזְמִין לוֹ רְמָזִים כְּדֵי לְקָרְבוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ.** גם עיין שם סי' נ"ו, אות ג': וְהַתּוֹרָה הִיא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר, נִמְצָא שֶׁבְּכָל הַדְּבָרִים, וּבְכָל הַמַּחֲשָׁבוֹת, **אֲפִלּוּ מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה שֶׁל עֲבֵרָה, חַס וְשָׁלוֹם, יֵשׁ שָׁם גַּם כֵּן הִתְלַבְּשׁוּת הַתּוֹרָה**, אַךְ שֶׁהוּא בְּהֶעְלֵם וּבְצִמְצוּם גָּדוֹל, בִּבְחִינַת הַסְתָּרוֹת.

[ז] עיין שם אות ט"ו: אֲפִלּוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ גָּדוֹל בֶּאֱמֶת, כְּשֶׁמַּגִּיעַ לְאֵיזֶה עֲבוֹדָה, הוּא צָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בִּפְשִׁיטוּת. וְצָרִיךְ אֲפִלּוּ לְהִתְנַהֵג וְלַעֲשׂוֹת דְּבָרִים, שֶׁנִּרְאֶה כִּמְשֻׁגָּע בִּשְׁבִיל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי ה): "בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד", **שֶׁבִּשְׁבִיל אַהֲבַת הַשֵּׁם צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת דְּבָרִים הַנִּרְאִין כְּשִׁגָּעוֹן**, כְּדֵי לַעֲשׂוֹת מִצְווֹתָיו וּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי צְרִיכִין לְהִתְגַּלְגֵּל בְּכָל מִינֵי רֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וּמִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ, **וְלָאו דַּוְקָא מִצְוָה מַמָּשׁ, אֶלָּא כָּל דָּבָר שֶׁיֵּשׁ בּוֹ רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִקְרָא מִצְוָה.** כִּי יֵשׁ תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, וְאֵלּוּ הַתַּרְיַ"ג מִצְוֹת יֵשׁ לָהֶם עֲנָפִים רַבִּים, וְכָל דָּבָר שֶׁיֵּשׁ בּוֹ רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁעוֹשִׂין בּוֹ נַחַת לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הוּא בְּחִינַת מִצְוָה, **וְצָרִיךְ לְגַלְגֵּל עַצְמוֹ בְּכָל מִינֵי רֶפֶשׁ וְטִיט, כְּדֵי לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה רָצוֹן וְנַחַת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

[ח] עיין חיי מוהר"ן אות מ"א.

[ט] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות כ': וְהַכֹּל בְּכֹחַ הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁהוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ כָּל כָּךְ וְגִלְגֵּל אֶת עַצְמוֹ **בְּכָל מִינֵי רֶפֶשׁ וָטִיט** בִּשְׁבִיל רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁעָסַק עִם בְּנֵי אָדָם הַמְטֻנָּפִים וּמְלֻכְלָכִים מְאֹד בְּמַעֲשֵׂיהֶם, רַחֲמָנָא לִצְלָן, **וּכְמוֹ שֶׁאָמַר אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עַל עַצְמוֹ, וַאֲנִי יָדִי מְלֻכְלֶכֶת בְּדָם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי וְכוּ'.** גם עיין שם בהל' נזיקין ה"ה, אות ט': **וְעִקַּר הָרֶפֶשׁ**

א דאקטער מוז דאך זעהן וואספארא חולאת דער חולה האט. איז אין דער רגע וואס ער לאזט זיך אריין נאר טראכטן וואו ער איז, דאס איז פאר אים א געוואלדיגע 'רפש וטיט'. אזוי איז ער דאך מטייל אין די היכלות פון אויבן, אבער דער אויבערשטער האט א נחת רוח אז ער היילט יענעם אויס, מוז ער אים באטראכטן, מוז ער זיך אראפלאזן צו דעם חולה. עס איז דאך א געוואלד צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן!

## "כַּאֲשֶׁר יַחְמֹל אִישׁ עַל בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ"

זאגט דער רבי דארטן טאקע׳: "וְחָמַלְתִּי עֲלֵיהֶם כַּאֲשֶׁר יַחְמֹל אִישׁ עַל בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ", אז דאס האט אפילו משה רבינו בחייו נישט משיג געווען. משה רבינו איז געווען ביים אויבערשטן א 'בן', "בני אתה". זאגט דער רבי, עס איז דא אזעלכע זאכן וואס א 'בן' קען נאך נישט משיג זיין. אפילו דער 'בן' איז דאך א 'מחפש בגנזיא

---

**וְהַטִּיט שֶׁמַּשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לְשָׁם בִּשְׁבִיל ה' יִתְבָּרַךְ הוּא מַה שֶּׁמּוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ וּמַשְׁלִיךְ אֶת עַצְמוֹ בְּעִמְקֵי תְּהוֹמוֹת שֶׁהֵם מְקוֹמוֹת הַנְּמוּכִים וְהַמְלֻכְלָכִים מְאֹד שֶׁל אֵלּוּ שֶׁנָּפְלוּ לְשָׁם בַּעֲוֹנוֹתֵיהֶם** וְתַאֲוֹתֵיהֶם הָרָעוֹת שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת נְפִילַת הַמִּשְׁפָּט עַד הַתְּהוֹם. וְהַצַּדִּיק בְּגֹדֶל רַחֲמָנוּתוֹ עַל צַעַר הַשְּׁכִינָה וְיִשְׂרָאֵל הוּא מַשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לְשָׁם כְּדֵי לְהַעֲלוֹת הַנְּפָשׁוֹת הַנְּפוּלוֹת מִשָּׁם מֵעִמְקֵי תְּהוֹמוֹת תַּחְתִּיּוֹת, **שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת רֶפֶשׁ וָטִיט שֶׁמַּשְׁלִיךְ הַצַּדִּיק עַצְמוֹ לְשָׁם בִּשְׁבִיל ה' יִתְבָּרַךְ.**

׳ ליקוטי מוהר"ן שם: כִּי יֵשׁ בְּחִינַת בֵּן, שֶׁהוּא מְחַפֵּשׂ בְּגִנְזַיָּא דְּמַלְכָּא, כְּמוֹ בֵּן (עַיֵּן זֹהַר בְּהַר קי"א:), וְיֵשׁ בְּחִינַת עֶבֶד, שֶׁאֵין לוֹ רַק לַעֲשׂוֹת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁנָּתְנוּ לוֹ, וְאָסוּר לוֹ לִשְׁאֹל שׁוּם טַעַם וַחֲקִירָה עַל עֲבוֹדָתוֹ, כִּי הוּא מְחֻיָּב רַק לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ, דְּהַיְנוּ עֲבוֹדָתוֹ שֶׁנָּתְנוּ לוֹ לַעֲשׂוֹת. אֲבָל יֵשׁ בֵּן, שֶׁהוּא אוֹהֵב כָּל כָּךְ אֶת אָבִיו, עַד שֶׁמֵּחֲמַת הָאַהֲבָה הוּא עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה עֶבֶד, מַה שֶּׁעֶבֶד פָּשׁוּט צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת, וְהוֹלֵךְ וְקוֹפֵץ בְּתוֹךְ הַסּוֹלְלוֹת הַגְּדוֹלָה (שֶׁקּוֹרִין פַּאסִי'), בְּתוֹךְ קִשְׁרֵי הַמִּלְחָמָה, **וּמְגַלְגֵּל עַצְמוֹ בְּכָל מִינֵי רֶפֶשׁ וְטִיט כְּדֵי לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְאָבִיו, מַה שֶּׁאֲפִלּוּ עֶבֶד פָּשׁוּט לֹא הָיָה עוֹשֶׂה עֲבוֹדוֹת כָּאֵלּוּ**, וַאֲזַי כְּשֶׁאָבִיו רוֹאֶה אַהֲבָתוֹ הַחֲזָקָה כָּל כָּךְ, עַד שֶׁמַּשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לַעֲבֹדוֹת גָּמוּר בִּשְׁבִיל אַהֲבָתוֹ, אֲזַי הוּא מְגַלֶּה לוֹ גַּם מַה שֶּׁאֵין נִמְסָר אֲפִלּוּ לְבֵן, **כִּי אֲפִלּוּ הַבֵּן, שֶׁהוּא מְחַפֵּשׂ בְּגִנְזַיָּא דְּמַלְכָּא, אַף עַל פִּי כֵן יֵשׁ מְקוֹמוֹת שֶׁגַּם הַבֵּן אָסוּר לִכָּנֵס לְשָׁם**, הַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ הַשָּׂגוֹת, שֶׁגַּם הַבֵּן אֵינוֹ מַשִּׂיג אוֹתָם, אֲבָל עַל יְדֵי שֶׁהַבֵּן מְסַלֵּק כָּל חָכְמָתוֹ וּמַשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לַעֲבֹדוֹת כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה אָבִיו מְרַחֵם עָלָיו וּמְגַלֶּה לוֹ מַה שֶּׁאֵינוֹ נִמְסָר אֲפִלּוּ לְבֵן, הַיְנוּ שֶׁנִּתְגַּלֶּה לוֹ בְּחִינַת 'צַדִּיק וְרַע לוֹ, רָשָׁע וְטוֹב לוֹ', שֶׁגַּם מֹשֶׁה בְּחַיָּיו לֹא הִשִּׂיג זֹאת. וְזֶהוּ בְּחִינַת (מַלְאָכִי ג): **וְחָמַלְתִּי עֲלֵיהֶם כַּאֲשֶׁר יַחְמֹל אִישׁ עַל בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ.** 'הָעֹבֵד אֹתוֹ' דַּיְקָא, הַיְנוּ בְּחִינַת בֵּן שֶׁמַּשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לַעֲבֹדוֹת, שֶׁמְּסַלֵּק כָּל חָכְמָתוֹ וְעוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה עֶבֶד, וְזֶהוּ: בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ, הַיְנוּ בֵּן שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה עֶבֶד כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה: 'וְחָמַלְתִּי עָלָיו', כִּי עַל יְדֵי זֶה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְרַחֵם עָלָיו, מֵחֲמַת שֶׁרוֹאֶה אַהֲבָתוֹ חֲזָקָה כָּל כָּךְ.

דמלכא׳, ער קען גיין וואו ער וויל, פונדעסטוועגן איז פארט דא אזעלכע ערטער וואס דער ׳בן׳ קען אויך נישט גיין. - דאס איז אז ער איז א ׳בן׳ אליין.

אבער אז ער איז א ׳בן׳ און אַן ׳עבד׳, ״כאשר יחמול איש על בנו ׳העובד׳ אותו״ - ער איז א בן און ער טוהט אזעלכע זאכן וואס א פראסטער ׳עבד׳ דארף טוהן, האט דער אויבערשטער אזוי רחמנות (אז ער איז משיג) וואס אפילו משה בחייו האט נישט משיג געווען. אפילו משה, דער ׳בן׳ אליין, קען נישט קומען. אבער ׳ער׳ קען יא קומען. פארוואס? ווייל ער איז ׳בן׳ ׳העובד׳ אותו.

דאס איז אויך דאס אייגענע, אז דער צדיק לאזט זיך אריין אין אזעלכע מיני ערטער, איז ער ממש אַן עבד, כאטש ער אליין איז דאך א ׳בן׳, ער איז דאך א ׳מחפש בגנזיא דמלכא׳.

דער רבי זאגט אין תורה ע״ח - ״ואתחנן״[יא]: ׳מען קען גארנישט משער זיין דעם תענוג פון א ׳מחפש בגנזיא דמלכא׳!׳. דעם תענוג דערפון דאס קען מען גארנישט משער זיין, דאס איז אזא מין סארט תענוג וואס מען קען זיך דאס גארנישט אויסמאלן, ״ומעלה זו אי אפשר לשער במח!״

און ער לאזט דאס אפ און גייט אריין צום גענעראל ארויסנעמען דעם ארעמאן׳ס ווייב - דארטן ביי די ׳אבי אבות הטומאה׳ - א געוואלד וואס דארטן טוהט זיך אפ, די צלמים מיט - - ארויסצונעמען א נשמה פון דארט![יב]

אז דער אויבערשטער זעהט אז אינ׳אמת׳ן איז ער א ׳בן׳ און (עם כל זה)ווארפט ער זיך אריין אין אזעלכע מיני ערטער, איז אפילו וואס ׳משה בחייו לא השיג׳, איז ער אויך משיג!

---

[יא] ליקוטי מוהר״ן תניינא, וזל״ש: **וּבִפְרָט מִי שֶׁזּוֹכֶה לְגִנְזַיָּא דְּמַלְכָּא, וּמַעֲלָה זוֹ אִי אֶפְשָׁר לְשַׁעֵר בַּמֹּחַ.**

[יב] ע״פ מעשה י״ב מבעגיר ועני בספה״ק סיפורי מעשיות.

# תפילה דעקט אויף

דאס איז איינגאנצן דעם רבי'נס זאך. דעם רבי'נס גרויסקייט איז דאך נישט משער צו זיין, אבער דער רבי לאזט זיך אראפ צו יעדן איינעם, יעדן איינעם איז ער מודיע, 'זאלסטו וויסן - דו ביסט טאקע (אַן ערליכער איד), אבער דו זאלסט וויסן אז דו דארפסט שרייען און שרייען! "מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי"[יג] - דו דארפסט שרייען צום אויבערשטן!'.

דער רבי זאגט אין "ספר המידות"[יד], עס איז דא אזעלכע מיני עוולות אין א מענטש, א 'גאוה טמונה', וואס דער מענטש איז דערויף קיין מבין נישט, עס איז פארהאן אזעלכע מיני מידות וואס איז שוין אזוי לאנג איינגעבאקן, וואס אז דער מענטש וועט אסאך שרייען, וועט זיך דאס ארויסווייזן - 'אט דאס!'.

דאס ענין פון שרייען צום אויבערשטן דעקט אויף - 'אוי, דאס טאר מען דאך אויך נישט!', 'דאס טאר מען דאך אויך נישט!' - ביז יעצט האב איך דאך גארנישט געוואוסט אז מען טאר דאס נישט. פארוואס? ווייל די מידות זענען אזוי איינגעבאקן אין דעם מענטשן מיט אזא מין סארט הרגל, "ההרגל נעשה טבע", ממש אז דאס איז עס, ער פילט גארנישט אינגאנצן. אבער דער כח פון תפילה דעקט אויף, עס דעקט אויף, ער ווערט אלעמאל געוואויר - 'דאס טאר מען דאך אויך נישט!' 'דאס טאר מען דאך אויך נישט!'.

---

[יג] יונה ב, ג. [עיין גם שיחות הר"ן אות ש"ב: פַּעַם אַחַת עָמַדְתִּי לְפָנָיו וְהוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָיָה מֻנָּח עַל מִטָּתוֹ וְנִזְרְקוּ דִּבּוּרִים אֵלּוּ, מִתּוֹךְ פִּיו הַקָּדוֹשׁ וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: **דֶּער עִקָּר אִיז "מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי"** (הָעִקָּר הוּא: מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי)].

[יד] ערך 'גאוה' אות י"ט: **מַבְהִילִין אֶת הָאָדָם בַּחֲלוֹמוֹת, כְּדֵי לְהָסִיר מִמֶּנּוּ גַּאֲוָה שְׁקוּעָה, שֶׁהוּא מְכֻסָּה מִמֶּנּוּ, שֶׁאֵינוֹ מַכִּיר בָּהּ**; עיין גם ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קי"ז: **גַּם דַּע, שֶׁלִּפְעָמִים יֵשׁ בְּאָדָם טֻמְאָה טְמוּנָה, שֶׁאֵין יוֹדְעִין לָהּ שׁוּם תִּקּוּן, מֵחֲמַת שֶׁהִיא טְמוּנָה וְנִסְתֶּרֶת בּוֹ**, וכו' עיין שם; עיין גם שיחות הר"ן אות ע"ט; גם עיין כוכבי אור ערך 'אנשי מוהר"ן' - דיבורים ממוהרנ"ת, אות י': כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁאֲפִלּוּ כְּשֶׁכְּבָר נְקִיִּים מִכָּל הַתַּאֲווֹת וְהַמִּדּוֹת רָעוֹת, אַף־עַל־פִּי־כֵן נִשְׁאָר בַּלֵּב **גַּאֲוָה טְמוּנָה** חַס וְשָׁלוֹם. וְכַמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה "הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה" הַנַּ"ל שֶׁאֲפִלּוּ מִי שֶׁכְּבָר קִיֵּם וְהִרְבָּה בְּהִתְבּוֹדְדוּת בִּצְעָקָה וּתְפִלָּה בַּלַּיְלָה וּבַדֶּרֶךְ יְחִידִי עַד שֶׁיָּצָא מִכָּל הַתַּאֲווֹת וְהַמִּדּוֹת רָעוֹת, אַף־עַל־פִּי־כֵן עֲדַיִן נִשְׁאַר בְּלִבּוֹ אֵיזֶה צַד גֵּאוּת שֶׁהוּא חוֹשֵׁב עַצְמוֹ לְאֵיזֶה דָּבָר, וְהַמִּדָּה שֶׁל גֵּאוּת גָּרוּעַ מֵהַכֹּל. כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי חֲכָמֵינוּ זַ"ל שֶׁהִיא כְּעוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה וּכְאִלּוּ בָּא עַל כָּל הָעֲרָיוֹת כֻּלָּם עַיֵּן שָׁם). **וְעַל כֵּן צְרִיכִין בִּשְׁבִיל זֶה לְבַד לְהִתְגַּבֵּר מְאֹד בִּתְפִלּוֹת וּצְעָקוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּעַזְרוּ לְבַטֵּל גַּם אֶת זֹאת**, כַּמְבֹאָר שָׁם וְלִזְכּוֹת לַעֲנָוָה אֲמִתִּיִּית.

דער זוהר הקדוש זאגט טאקע[טו]: "אתה קדוש, ושמך קדוש" - 'דא תוספת קדושה!'. דאס ענין פון קדושה האט אין זיך אזא מין זאך אז דאס שלעפט נאך - קדושה שלעפט נאך - קדושה וויל נאך תוספת.

אזוי ווי, רחמנא ליצלן, איינער וואס לאזט זיך אריין אין די טומאות - שלעפט עס אים נאך, די טומאה באגענוגנט זיך נישט - 'גיי ווייטער, גיי ווייטער'. אזוי ווייטער אין דער קדושה איז אויך דאס אייגענע, אז ער הויבט אָן צו גיין אין א רעיון פון קדושה, שלעפט דאס נאך נאך, ווייל די קדושה איז אלץ תוספת.

דאס אליין איז א מתנה פון דעם רבי'ן, אז מען זאל שרייען צום אויבערשטן, מען זאל זיך נישט איינרעדן אז מען איז עפעס! - דאס איז א מתנה פון דעם רבי'ן וואס די וועלט האט עס נישט[טז].

## וואס שרייסטו?!

רבי נתן, איידער ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן איז ער געווען אזא מין פינגערל (- כמו טבעת יקרה), מען האט זיך געריסן איבער אים - דער שווער האט געוואלט ער זאל זיין ביי אים, דער טאטע האט געוואלט ער זאל זיין ביי אים - אזוי חשוב איז ער געווען ביי דעם און ביי דעם, אכט יאר האט מען זיך געריסן איבער אים, ער איז געווען פון די חשוב'ע יונגעלייט, ער האט דאך געדארפט זיין דעם שווער'ס ממלא מקום - עפעס א קליינקייט?! - "דער גרויסער ר' דוד צבי!".

אז ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן, האט ער אנגעהויבן צו שרייען ביים דאווענען, ער האט געגעבן קולי קולות, מען האט אים ארויסגעווארפן פון שול[יז], ער

---

[טו] פר' פקודי רסא:

[טז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י', אות ה': **וְהָעֵצָה הַיְעוּצָה לְבַטֵּל הַגַּאֲוָה**, שֶׁהִיא הָעֲבוֹדָה זָרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ט"ז): "תּוֹעֲבַת ה' כָּל גְּבַהּ לֵב" (כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה סוֹטָה ד:), **הָעִקָּר הוּא עַל יְדֵי הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיקִים**. גם עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קל"ה (ע"פ ליקו"ע): **הִתְקָרְבוּת לְהַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי מְבַטֵּל הַגַּדְלוּת, עַל־כֵּן זֶה סִימָן אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק בֶּאֱמֶת אָז יֵשׁ לוֹ שִׁפְלוּת.**

[יז] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות ע"ד.

האט געשריגן א געוואלד, ער איז געגאנגען אין די פעלדער און די וועלדער, (ונעשה רעש:) וואס איז דאס מיט אים געווארן? וואס פעלט אים איצטער? פריער איז דאס גארנישט געווען - איצטער פעלט אים... זיי האבן אים אנגעקוקט - וואס איז דא געווארן פון אים? וואס שרייסטו? וואס ווילסטו? א למדן ביסטו, א צדיק ביסטו, א קדוש ביסטו, וואס נאך פעלט דיר? וואס פעלט דיר?

ווי נאר ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן האט ער געפילט עפעס אז עס פעלט אים, אזוי ווייט פעלט אים אז "מִכַּף רֶגֶל וְעַד רֹאשׁ אֵין בּוֹ מְתֹם" - איך האב גארנישט קיין איין גאנצן איבר! נישט אז עס פעלט מיר, נאר 'קיין איין גאנצן איבר האב איך נישט אין זיך'!

אזא מין יונגערמאן וואס איז אזוי מחונך אויף קדושה וטהרה, און רבי נתן'ס שווער - ווער דער "רבי דוד צבי" איז געווען!... אבער אז ער האט נאר פארזוכט דעם רבי'ן איז עפעס געווארן - אָהה, עס פעלט אים, עס פעלט אים!

אט דאס קען די וועלט נישט פארשטיין בשום אופן - 'וואס איז ברסלב? וואס איז ברסלב? וואס איז ברסלב אנדערש ווי עפעס אנדערש?' דער תירוץ איז, ערגעץ אנדערש אז א יונגערמאן לערנט און דאוונט - 'וואס פעלט מיר?!' וואס פעלט אים? - היט די צייט, לערן, דאוון, און שוין. אבער דא ליגט עפעס א מין זאך - 'איי! עפעס פעלט!' - ער איז ווייט פונעם אויבערשטן, דאס דאווענען איז נישט אזוי, די מחשבה איז נישט אזוי, די אויגן זענען נישט אזוי, עס פעלט אים, וואו ער גיט א קוק זעהט ער אז עס פעלט, עס פעלט! - דאס אליין איז א געוואלדיגע מתנה פון דעם רבי'ן, אז מען זאל פילן אז עס פעלט.

❖

מיר האבן נעכטן געלערנט די תורה "בראשית"[יח]. דער רבי זאגט דארטן, דורך דער צדיק ווערן געעפנט די אויגן. זאגט דער רבי דארטן, עס איז דא דריי ערליי

---

[יח] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז, וזל"ש: **וּכְשֶׁמִּתְקָרֵב אֵלָיו, עַל יְדֵי זֶה רָאוּי לוֹ לְהִסְתַּכֵּל בְּעַצְמוֹ עַל כָּל הַמִּדּוֹת אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בָּהֶם** ... כְּשֶׁנִּתְגַּלֶּה זֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא הַחֵן וְהַיֹּפִי שֶׁל הָעוֹלָם, כָּל מִי שֶׁמִּתְקָרֵב

הסתכלות'ן: דאס ערשטע איז, ער קוקט אויף 'זיך' - 'וואו האלט איך אין די מידות?' - דאס איז די ערשטע הסתכלות. נאכדעם קען ער זעהן 'דעם אויבערשטנס גרויסקייט'. נאכדעם קען ער קוקן 'אין דער וועלט'. 'קוקן אין דער וועלט' דאס איז שוין די דריטע הסתכלות. אבער דאס ערשטע איז - קוקן אין 'זיך' - 'וואו האלט איך?!' - ארומקוקן אין 'זיך'. עס איז דא גרויסע מענטשן און זיי קוקן נישט ארום אין 'זיך' וואו זיי האלטן. דורך דעם כח פון רבי'ן הויבט מען אָן קוקן.

אז דער אויבערשטער העלפט טאקע אז מען ווערט נאנט צום צדיק - "וכשמתקרב אליו ונכלל בו", איז ראוי ער זאל קוקן אין זיך - וואו האלט איך אין די מידות - אזוי איז ראוי. אז נישט קוקט מען טאקע נישט. עס איז פארהאן אזעלכע גראבע עוולות מיט וואס דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט און ער וועט קיינמאל נישט תשובה טוהן דערויף. אבער אז ער פילט אז עס איז אַן עוולה, דעמאלט וועט ער שרייען "געוואלד!", דעמאלט וועט ער תשובה טוהן[יט].

❖

## "לחיים, מיר זאלן תשובה טוהן!"

אין זוהר הקדוש שטייט[כ]: עס איז דא מענטשן וואס זיי האלטן נאך 'באמצע התשובה' - ער האט אנגעהויבן טוהן תשובה אבער ער האט נישט געענדיגט, ער איז אוועקגעגאנגען אינדערמיט.

---

וְנִכְלָל בְּזֶה הַחֵן הָאֱמֶת, נִפְתָּחִין עֵינָיו, **וְרוֹאֶה וּמִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ, אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בְּכָל הַמִּדּוֹת**, שֶׁנִּמְשָׁכִין מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, שֶׁהֵם נִמְשָׁכִין מֵהַצַּדִּיק כַּנַּ"ל. **וְגַם יָכוֹל לִרְאוֹת וּלְהִסְתַּכֵּל בִּגְדֻלַּת הַשֵּׁם וּלְהִסְתַּכֵּל בָּעוֹלָם.**

[יט] עיין שיחות הר"ן אות מ"ז: **צָרִיךְ לָזֶה זְכִיָּה גְּדוֹלָה שֶׁיִּזְכֶּה לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ שָׁעָה אַחַת בַּיּוֹם וְשֶׁיִּהְיֶה לוֹ חֲרָטָה עַל מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְהִתְחָרֵט**, כִּי לָאו כָּל אֶחָד זוֹכֶה לְיַשֵּׁב הַדַּעַת אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם, כִּי הַיּוֹם הוֹלֵךְ וְחוֹלֵף וְעוֹבֵר אֶצְלוֹ וְאֵין לוֹ פְּנַאי לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ אֲפִלּוּ פַּעַם אַחַת כָּל יְמֵי חַיָּיו. עַל־כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר לִרְאוֹת לְיַחֵד לוֹ פְּנַאי לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב עַל כָּל מַעֲשָׂיו אֲשֶׁר הוּא עוֹשֶׂה בָּעוֹלָם אִם כָּךְ הוּא רָאוּי לוֹ לְבַלּוֹת יָמָיו בְּמַעֲשִׂים כָּאֵלּוּ.

[כ] פר' נשא דף קכ"ב ע"א; עיין גם להלן.

דער רבי זאגט דאך אין תורה ו'[כא]: "מען דארף תמיד האלטן במידת התשובה!" - "צָרִיךְ לֶאֱחֹז תָּמִיד בְּמִדַּת הַתְּשׁוּבָה" - א מענטש דארף האלטן תמיד אין מידת התשובה.

איך געדענק אין אומאן, אז עס איז געווען עפעס א שמחה, פלעגט מען זיך ווינטשן: "דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן תשובה טוהן!" - דאס איז געווען די "לחיים"...

דער רבי רעדט דארטן פון "ישמע בזיונו ידום וישתוק"[כב]. הכלל, מען דארף האלטן תמיד אין תשובה. אז ער האלט תמיד אין תשובה, העלפט דער אויבערשטער אז ער טוהט תשובה.

זאגט דער זוהר הקדוש[כג], אמאל גייט ער אוועק 'באמצע התשובה' - ער גייט אוועק אינדערמיט. דער אויבערשטער לאזט דאך אבער נישט אפ קיין 'רעותא טבא'

---

[כא] וזל"ש, אות ג' (ע"פ ליקו"ע): **צָרִיךְ לֶאֱחֹז תָּמִיד בְּמִדַּת הַתְּשׁוּבָה** כִּי אֲפִלּוּ בְּשָׁעָה שֶׁאָדָם אוֹמֵר, חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי אֲפִלּוּ זֶה אִי אֶפְשָׁר לוֹ לוֹמַר בְּלִי פְּנִיָּה, נִמְצָא שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה, הַיְנוּ עַל חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי שֶׁאָמַר. וַאֲפִלּוּ אִם יוֹדֵעַ הָאָדָם בְּעַצְמוֹ שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה. כִּי מִתְּחִלָּה כְּשֶׁעָשָׂה, עָשָׂה לְפִי הַשָּׂגָתוֹ. וְאַחַר כָּךְ בְּוַדַּאי כְּשֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה, בְּוַדַּאי הוּא מַכִּיר וּמַשִּׂיג יוֹתֵר אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, נִמְצָא לְפִי הַשָּׂגָתוֹ שֶׁמַּשִּׂיג עַכְשָׁו, בְּוַדַּאי הַשָּׂגָתוֹ הָרִאשׁוֹנָה הִיא בִּבְחִינַת גַּשְׁמִיּוּת. נִמְצָא שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה עַל הַשָּׂגָתוֹ הָרִאשׁוֹנָה, עַל שֶׁהִגְשִׁים אֶת רוֹמְמוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ. **אַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לִתְשׁוּבָה כָּזֹאת.**

[כב] בליקו"מ סי' ו', אות ב', וזל"ש: **עִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק**, וְיִסְבֹּל בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים הַבָּאִים עָלָיו. וּבָזֶה הוּא מְמַעֵט הַדָּם שֶׁבֶּחָלָל הַשְּׂמָאלִי וְזוֹבֵחַ יִצְרוֹ הָרָע, וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לְכָבוֹד אֱלֹקִי.

[כג] פר' תרומה ק"נ ע"ב, וזל"ש (בתרגום ללשון הקדוש): רְאֵה כַּמָּה רַחֲמָנוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עִם בְּרִיּוֹתָיו, שֶׁאֲפִלּוּ שֶׁהוּא רָשָׁע גָּדוֹל וְהִרְהֵר תְּשׁוּבָה וְלֹא יָכֹל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה וּמֵת, הֲרֵי וַדַּאי מְקַבֵּל עֹנֶשׁ עַד שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי תְשׁוּבָה. אַחַר כָּךְ אוֹתוֹ הָרָצוֹן שֶׁשָּׁם לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, לֹא זָז מִלִּפְנֵי הַמֶּלֶךְ הָעֶלְיוֹן, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְתַקֵּן לְאוֹתוֹ רָשָׁע מָקוֹם בִּמְדוֹר הַשְּׁאוֹל, וְשָׁם מְצַפְצֵף תְּשׁוּבָה. שֶׁהֲרֵי אוֹתוֹ רָצוֹן יוֹרֵד מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְשׁוֹבֵר כָּל הַשּׁוֹמְרִים (לאחר שקבל ענשו, אותו רצון טוב שהגיח אותו רשע לעשות תשובה, עולה לפני המלך העליון, ולא זז משם עד שהקדוש ברוך הוא מתקן לאותו רשע מקום במדור השאול, ואז אותו רצון יורד מלפני הקדוש ברוך הואו שובר את כל השומרים) שֶׁל שַׁעֲרֵי מְדוֹרֵי הַגֵּיהִנֹּם, וּמַגִּיעַ לְאוֹתוֹ מָקוֹם שֶׁאוֹתוֹ הָרָשָׁע שָׁם, וּמַכֶּה בוֹ וּמְעוֹרֵר אֶת אוֹתוֹ רָצוֹן כְּמִקֹּדֶם. וְאָז מְצַפְצֶפֶת אוֹתָהּ נְשָׁמָה לַעֲלוֹת

- אזוי שטייט אין זוהר הקדוש. כמה פעמים שטייט דאס לשון: 'אינמיטן תשובה גייט ער אוועק - ער האט נישט געענדיגט דער תשובה'. די צדיקים זעהען שוין, זיי פארען זיך שוין מיט אים.

אינ'אמת'ן, אז מען הויבט אָן קוקן, זעהט מען אז דאס איז א ליקוטי מוהר"ן גאר. (האדם חושב:) 'שוין, איך האב שוין תשובה געטוהן' - ניין, 'מען דארף זיך אנהאלטן תמיד אין דער מידה פון תשובה!'

דער מענטש דארף תמיד וויסן - 'איך דארף זיך אומקערן צום אויבערשטן'. דער רבי זאגט אין תורה ל"ה[כד] [- טאקע א ראש השנה'דיגע תורה]: 'תשובה' הייסט, "זַרְקָא" - דו זאלסט צוריק געווארפן ווערן פון דארטן פון וואו דו ביסט גענומען געווארן!'.

דער רבי זאגט אין תורה ק"ה[כה], דער מענטש דורך א פגם ווערט אזוי פארווארפן מיט אלע זיינע חלקים - ווייט ווערט ער פארווארפן. איז אז ער הויבט אָן טוהן תשובה דארף ער זיך אומקערן צוריק צו דעם ארט פון וואו ער איז פארווארפן געווארן.

---

מִתּוֹךְ מְדוֹר הַשְּׁאוֹל. וְאֵין רָצוֹן טוֹב שֶׁנֶּאֱבָד מִלִּפְנֵי הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ, וּמִשּׁוּם כָּךְ אַשְׁרֵי אוֹתוֹ מִי שֶׁמְּהַרְהֵר הִרְהוּרִים טוֹבִים לְרִבּוֹנוֹ. שֶׁאַף עַל גַּב שֶׁלֹּא יָכֹל לַעֲשׂוֹת אוֹתָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֶת רְצוֹנוֹ כְּאִלּוּ עָשָׂה, וְזֶה לְטוֹב. אֲבָל רָצוֹן לְרַע - לֹא, פְּרָט לְהִרְהוּר שֶׁל עוֹבְדֵי כוֹכָבִים וּמַזָּלוֹת, וַהֲרֵי פֵּרְשׁוּהָ הַחֲבֵרִים. אוֹתָם שֶׁלֹּא הִרְהֲרוּ תְּשׁוּבָה, יוֹרְדִים לַשְּׁאוֹל, וְלֹא עוֹלִים מִשָּׁם לְדוֹרֵי דוֹרוֹת.

[כד] אות א', וזל"ש: **דַּע כִּי תְּשׁוּבָה הִיא לָשׁוּב אֶת הַדָּבָר לַמָּקוֹם שֶׁנִּטַּל מִשָּׁם.** וְהוּא בְּחִינַת **זַרְקָא** הַמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ, (תִּקּוּנִים דַּף מ"ג: וּבְדַף ס. וְדַף פ"ו., וּבַתִּקּוּנִים שֶׁבְּסוֹף הַזֹּהַר חָדָשׁ בְּדַף ק"ט:): '**דְּאִזְדְּרִיקַת לַאֲתָר דְּאִתְנְטִילַת מִתַּמָּן**'. וּמָאן הַהוּא אֲתָר, הוּא חָכְמָה'. כִּי חָכְמָה הִיא שֹׁרֶשׁ כָּל הַדְּבָרִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ק"ד): "כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ". לָכֵן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לִשְׁמֹר אֶת שִׂכְלוֹ, וכו' עיין שם.

[כה] וזל"ש בא"ד: וּכְלַל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הוּא, שֶׁעַל יְדֵי הַתּוֹרָה זוֹכִין לִתְשׁוּבָה, דְּהַיְנוּ לְהָשִׁיב כָּל הַדְּבָרִים וְכָל הַצֵּרוּפִים וְהָאוֹתִיּוֹת שֶׁנִּדְּחוּ בַּעֲווֹנוֹתָיו לְמָקוֹם שֶׁנִּדְּחוּ וְנִתְגָּרְשׁוּ מִמְּקוֹמָם שֶׁעַל יְדֵי זֶה לֹא הָיָה הַדַּעַת מְיֻשָּׁב כִּי כָּל זְמַן שֶׁאֵינָם בִּמְקוֹמָם אֵין הַדַּעַת מְיֻשָּׁב וְכוּ' כַּנַּ"ל, **כִּי עַל יְדֵי הָעֲווֹנוֹת נִתְגָּרְשִׁין מִמְּקוֹמָם חֶלְקֵי הָאוֹתִיּוֹת וְהַצֵּרוּפִים שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת כְּפִי שֹׁרֶשׁ נִשְׁמָתוֹ, וְזֶה בְּחִינַת גָּלוּת הַשְּׁכִינָה**, וְעַל יְדֵי זֶה אֵין הַדַּעַת מְיֻשָּׁב כַּנַּ"ל, וּמֵחֲמַת זֶה אֵין יָכוֹל לְעוֹרֵר רַחֲמִים כַּנַּ"ל. וְצָרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁהִיא עֲנִיָּה בִּמְקוֹמָהּ וַעֲשִׁירָה בְּמָקוֹם אַחֵר, וּמְקָרֵב וּמְקַשֵּׁר עַל יְדֵי זֶה כָּל הָאוֹתִיּוֹת וְהַצֵּרוּפִים שֶׁנִּתְרַחֲקוּ מִמְּקוֹמָם, וּמֵשִׁיב כֻּלָּם לִמְקוֹמָם. וְאָז הַדַּעַת מְיֻשָּׁב, וְזוֹכֶה לְעוֹרֵר רַחֲמִים.

אין תורה ק"ה זאגט דער רבי: "אז ער גייט 'אחר שרירות לבו ותאוותו' איז ער מקשר זיין חלק אותיות וצירופים צו דער סטרא אחרא חס ושלום, און דארטן ווערט ער פארווארפן, וואס דאס איז "גלות השכינה", וויבאלד ער מיט זיינע צירופים מיט זיינע אותיות ווערט אלץ פארווארפן צו דער סטרא אחרא.

קומט אויס, תשובה הייסט, ער זאל זיך אומקערן צוריק דארטן צו וואו מען דארף, אזוי ווי מען דארף.

דארף מען האבן גרויס רחמים. אז דער מענטש האלט אָן אין תשובה, איז ער תמיד עוסק אלע יארן מען זאל אים צוריק אומקערן אויף דעם ארט צו וואו ער דארף - פון וואנעט ער איז גענומען געווארן - פון אונטער דעם כסא הכבוד, ער איז דאך א 'חלק אלוק ממעל'! "דְּאִזְדְּרִיקַת לַאֲתָר דְּאִתְנְטִילַת מִתַּמָּן" - דו זאלסט זיך צוריקווארפן צו דארט פון וואו דו ביסט גענומען געווארן! נו, דעריבער דארף מען תמיד טוהן תשובה.

ווייזט אויס, אז דער מענטש טוהט תמיד תשובה העלפט אים דער אויבערשטער אז ער האט עפעס א גאנצע תשובה. אויב א מענטש רעדט זיך איין אז ער האט שוין תשובה געטוהן - 'פארוואס דארף איך תשובה טוהן, איך האב דאך גארנישט געזינדיגט?!' - -

איך האב גערעדט אמאל מיט מענטשן, האב איך געהערט פון זיי - 'מיר האבן נישט געזינדיגט, פארוואס דארף איך תשובה טוהן? איך האב מחלל שבת געווען?' - שיינע יונגעלייט - מיר האבן נישט געזינדיגט...

דאס איז דאך א מתנה פון דעם רבי'ן אז מיר ווייסן אז מען דארף תשובה טוהן - דאס אליין איז א מתנה פון דעם רבי'ן!

איך האב געזעהן אלטע אידן, ממש גרויסע ערליכע אידן, ממש צדיקים, ווי זיי האבן געשריגן ביים רבי'ן אויפן ציון "ראה מסוכן כמוני" - אז א געוואלד, א געוואלד, אזוי ווי א בעל עבירה שרייט! דער תירוץ איז, וויבאלד ער איז ביים רבי'ן און ער ווייסט וואס הייסט תשובה, ווייסט ער אז ער דארף שרייען.

❖

# ריטשקעס טרערן האבן זיך געגאסן...

רבי אברהם ר' נחמן'ס האט דערציילט, אין יענע צייטן איז דאך געווען דער ציון תמיד פארשלאסן, און דער שליסל איז געווען ביי ר' נחמן טולטשינער אין שטוב, איז ווען עס איז געקומען איינער, איז געקומען ר' נחמן און אים געגעבן דעם שליסל און ער איז געגאנגען אויפן ציון.

אז דער טשעהרינער רב איז געקומען קיין אומאן איז ר' אברהם ר' נחמן'ס מיטגעגאנגען מיט אים צוזאמען אויפן ציון אלס כבוד פון דעם טשעהרינער רב.

האט ער דערציילט, אז דער טשעהרינער רב איז אריינגעגאנגען צום ציון האט ער גענומען דעם תיקון הכללי און צוגעלייגט צו די אויגן, מען האט נישט געהערט קיין ווארט, נאר עס איז אזוי אראפגעגאנגען ריטשקעס טרערן - עס האט זיך געגאסן פון דער זייט און פון דער זייט א זמן רַב! שעה'ן איז דאס געגאנגען אזוי וואס עס האט זיך געגאסן די טרערן און צוגעהאלטן אזוי דעם תיקון הכללי - א איד א צדיק ולמדן! נאכדעם ווען ער איז שוין מיד געווארן האט ער ארויסגענומען א פאטשיילע און איבערגעלייגט אויף דער ערד און זיך אראפגעזעצט אויף דער ערד...

האט אונז רבי אברהם ר' נחמן'ס גע'מוסר'ט ווען עס איז געווארן בענקלעך אויפן ציון: אז דער טשעהרינער רב - אַן עלטערער מענטש און א פולער מענטש איז אפגעווען אויפן ציון עטליכע שעה - האט ער נאכדעם פארשפרייט א פאטשיילע אויף דער ערד, אבער נישט אויף קיין בענקעלע...

איך מיין, וואו געפינט מען א איד א 'צדיק ולמדן' זאל אזוי שטיין מיט א תיקון הכללי - און ריטשקעס טרערן זאל זיך אזוי גיסן? פון וואנעט נעמט זיך דאס? - און מיר ווייסן אז ער איז געווען א הייליגער מענטש - כמה מעשיות ווייסט מען, ער איז געווען א הויכער סארט מענטש, אונזערע לייט האבן געוואוסט אז ער איז גאר א געוואלדיגער מענטש. און ער קומט אויפן ציון, געווען שוין אויף די עלטערע יארן, און זיך נעמען האלטן דעם תיקון הכללי אויף די אויגן און עס זאל זיך גיסן ריטשקעס טרערן, עס זאל זיך גיסן טייכן טרערן, שעה'ן, שעה'ן, פון וואנעט נעמט זיך דאס? ער איז דאך אזוי נאנט צום אויבערשטן.

וואס דער מענטש איז גרעסער און ער איז מער נענטער צום אויבערשטן און ער ווייסט מער דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, איז די בושה זיינע מערער, שעמט ער זיך מער פארן אויבערשטן, פילט ער דאך מער יעדעם קלייניקייט[כו] - דאס איז אוודאי א מתנה פון דעם רבי'ן.

דער אויבערשטער זאל אונז טאקע העלפן אז מיר זאלן זיך צורירן מערער, וועלן מיר האבן מער די מתנה אז מען זאל וויסן אז עס פעלט! מען דארף שרייען "ראה מסוכן כמוני".

ביים עגל האט דער אויבערשטער געלערנט משה רבינו'ן: זאג - "עשה את המר מתוק". 'בעט, מאך פון ביטער, זיס!'[כז]

וואס זאל איך רעדן? בעט, 'מאך פון ביטער - זיס!' דאס איז א לשון, מען פלעגט דאס שרייען תמיד: 'רבונו של עולם, מאך פון ביטער - זיס!' - א לשון תפילה.

---

[כו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ג (ע"פ ליקו"ע): **כָּל מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב יוֹתֵר לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ צָרִיךְ לֵידַע שֶׁהוּא רָחוֹק מְאֹד מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ. כִּי אִם יַחֲשֹׁב וִידַמֶּה בְּדַעְתּוֹ שֶׁכְּבָר נִתְקָרֵב לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְיוֹדֵעַ בִּידִיעַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זֶה סִימָן שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל. כִּי אִם הָיָה יוֹדֵעַ קְצָת מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהוּא רָחוֹק מְאֹד מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל. וְזֶה דָּבָר שֶׁאִי אֶפְשָׁר לַפֶּה לְדַבֵּר וּלְהַסְבִּיר זֹאת, כִּי גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אֵין שִׁעוּר.** גם עיין חיי מוהר"ן אות רס"ט: אָמַר הַמַּעְתִּיק נִרְאֶה לַעֲנִיּוּת דַּעְתִּי, דִּרְצוֹנוֹ לוֹמַר כִּי (משה רבינו ע"ה) הִשִּׂיג כָּל כָּךְ בִּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ עַד אֲשֶׁר הָעֲבוֹדָה שֶׁל כָּל אָדָם הָיָה אֶצְלוֹ בִּבְחִינַת אַיִן וָאֶפֶס נֶגֶד גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ. וְהוּא בְּעַצְמוֹ אַף עַל פִּי שֶׁהָיָה רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל כִּי הִשִּׂיג יוֹתֵר מִכֻּלָּם, אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מַחֲזִיק אֶת עַצְמוֹ לְאַיִן וָאֶפֶס יוֹתֵר מִכֻּלָּם. **כִּי דַּיְקָא עַל יְדֵי שֶׁהָיְתָה הַשָּׂגָתוֹ גְּבוֹהָה כָּל כָּךְ, עַל יְדֵי זֶה הִשִּׂיג שֶׁכְּפִי מַדְרֵגָתוֹ וְהַשָּׂגָתוֹ אֵין עֲבוֹדָתוֹ נֶחֱשֶׁבֶת כְּלוּם בְּיוֹתֵר נֶגֶד גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ וְקַל לְהָבִין.**

[כז] עיין מדרש רבה כי תשא פר' מג, ג: וְרַבָּנָן אָמְרִין, מַהוּ "וַיְחַל מֹשֶׁה"? **עֲשֵׂה אֶת הַמַּר מָתוֹק.** וַיְחַל לְשׁוֹן חִלּוּי. כֵּיצַד? אָמַר רַבִּי בֶּרֶכְיָה בְּשֵׁם רַבִּי חִיָּא בַּר אַדָּא דְּיָפוֹ בְּשֵׁם רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָן, כֵּיוָן שֶׁבָּאוּ יִשְׂרָאֵל לְמָרָה, מַה כְּתִיב שָׁם (שמות טו, כג): וַיָּבֹאוּ מָרָתָה, הִתְחִיל מֹשֶׁה מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ, וְאָמַר, הַמַּיִם הַלָּלוּ לָמָּה נִבְרְאוּ? מַה הֲנָיָה יֵשׁ לָעוֹלָם בָּהֶן? מוּטָב הָיָה אִלּוּ לֹא נִבְרְאוּ. יָדַע הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מָה הָיָה מְחַשֵּׁב בְּלִבּוֹ, אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לֹא תֹאמַר כֵּן, וְלֹא מַעֲשֵׂי יָדַי הֵן? יֵשׁ דָּבָר בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא נִבְרָא לְצֹרֶךְ? אֶלָּא אֲנִי מְלַמֶּדְךָ הֵיאַךְ תְּהֵא אוֹמֵר, **אֱמֹר כָּךְ: "עֲשֵׂה אֶת הַמַּר מָתוֹק".** וּמִנַּיִן שֶׁלִּמְּדוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִהְיוֹת אוֹמֵר כָּךְ, רְאֵה מַה כְּתִיב (שמות טו, כה): "וַיִּצְעַק אֶל ה' וַיּוֹרֵהוּ ה' עֵץ", וַיַּרְאֵהוּ אֵין כְּתִיב כָּאן אֶלָּא וַיּוֹרֵהוּ, אֵין וַיּוֹרֵהוּ אֶלָּא לְשׁוֹן לִמּוּד, שֶׁנֶּאֱמַר (משלי ד, ד): "וַיֹּרֵנִי וַיֹּאמֶר לִי", וּכְתִיב (שמות לה, לד): "וּלְהוֹרֹת נָתַן בְּלִבּוֹ". הָיָה הַדָּבָר מָסֹרֶת בְּיַד מֹשֶׁה וְלֹא עָשָׂה. וְלָמָּה עָשָׂה? אֶלָּא כֵּיוָן שֶׁבָּאוּ יִשְׂרָאֵל לַמִּדְבָּר וּבִקֵּשׁ הָאֱלֹקִים לְכַלּוֹתָן, אָמַר לוֹ מֹשֶׁה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בִּקַּשְׁתָּ לְאַבֵּד אֶת יִשְׂרָאֵל, מְכַלֶּה אַתָּה אוֹתָם מִן הָעוֹלָם, **לֹא כָּךְ אָמַרְתָּ לִי בְּמָרָה הֱוֵי מִתְפַּלֵּל וֶאֱמֹר עֲשֵׂה אֶת הַמַּר מָתוֹק, וְאַף עַכְשָׁו חַלֵּי מְרִירָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל וְרַפֵּא אוֹתָן,** הֱוֵי: "וַיְחַל מֹשֶׁה".

בכח פון דעם רבי'ן פילט מען טאקע אז עס איז טאקע ביטער, עס איז טאקע ביטער...

❖ ❖ ❖

## "אין תורה כתורת ארץ ישראל"

היינטיגע וואך פרשת תרומה פלעגט מען לערנען תורה ע"א (תניינא). דער רבי זאגט: "דע" - דו זאלסט וויסן, "עס איז דא מוחין פון ארץ ישראל און עס איז דא מוחין פון חוץ לארץ, און די מוחין פון חוץ לארץ איז אויך מקבל פון די מוחין פון ארץ ישראל".

דער עיקר מוח, די עיקר חכמה איז אין ארץ ישראל. עס שטייט אין פסוק דארט אין בראשית[כח]: "וּזֲהַב הָאָרֶץ הַהִוא טוֹב". אויף דעם פסוק זאגט דער מדרש: "מְלַמֵּד, שֶׁאֵין תּוֹרָה כְּתוֹרַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְלֹא חָכְמָה כְּחָכְמַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל". אין דעם פסוק "וזהב הארץ ההוא טוב" איז שוין אנגעוואונקען ארץ ישראל.

דער רבי רעדט דאך ווייטער פון די חובלים און די נעימים[כט]. קומט אויס, דער עיקר 'אַן ארץ ישראל'דיגער מח' הייסט א מח מיט נעימות, א מח נישט מיט קיין חובלים, נישט מיט קיין דינים.

דער רבי רעדט אין דער תורה פון "אריכת אפיים"[ל] (- שזה בחינת ארץ ישראל). נישט האבן קיין 'אריכת אפיים' הייסט אויך 'חובלים'. דאס וואס איך נישט קיין אריכת אפיים דאס הייסט דאך אויך שוין 'חובלים'.

---

[כח] ב, יב.

[כט] וזל"ש: **וְדַע, כִּי מֹחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הֵם בְּחִינַת נֹעַם, וּמֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ הֵם בְּחִינַת חוֹבְלִים**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (זְכַרְיָה י"א): "לְאַחַד קָרָאתִי נֹעַם וּלְאַחַד קָרָאתִי חֹבְלִים". וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין כד): 'נֹעַם' 'אֵלּוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁבְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁמַּנְעִימִים זֶה לָזֶה בַּהֲלָכָה', 'חֹבְלִים' 'אֵלּוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁבְּחוּץ לָאָרֶץ, שֶׁחוֹבְלִים זֶה לָזֶה בַּהֲלָכָה'.

[ל] ליקוטי מוהר"ן סי' קנ"ה, מובא בהערה להלן.

# "בָּז לְדָבָר יֵחָבֶל לוֹ"

דער רבי טייטשט אריין[לא] דעם פסוק[לב]: "בָּז לְדָבָר יֵחָבֶל לוֹ"; ווייל עס איז "בז לדבר" - איך נעם נישט ארויס פון דער זאך קיין כבוד פארן אויבערשטן, די זאך איז "בז", איז שוין "יחבל לו", איז שוין דא חובלים. דער רבי רעדט דארט אז פון יעדער זאך דארף דאך ארויסקומען א כבוד פארן אויבערשטן, פון יעדער זאך דארף דער מענטש אפגעבן כבוד דעם אויבערשטן.

פארוואס האט דער אויבערשטער געזאגט[לג]: "וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר" - עס זאל זיין אור? ווייל פון דעם אור דארף ארויסקומען פארן אויבערשטן א כבוד. פארוואס האט דער אויבערשטער געזאגט עס זאל זיין דארטן 'דשא', 'פירות', און אזוי אלעם? ווייל יעדער מאמר איז 'בשביל כבודו יתברך', דערפאר האט דאס דער אויבערשטער געזאגט, כדי עס זאל ארויסקומען א כבוד פארן אויבערשטן.

קומט אויס, אז איך האב א זאך און איך בין מבזה דער זאך, איך גיב נישט ארויס פון דער זאך א כבוד פארן אויבערשטן, דאס הייסט "בז לדבר", ווייל פון דער זאך דארף ארויסקומען א כבוד. אז א מענטש עסט און ער האט נישט אינזינען 'כבודו יתברך', הייסט דאס "בז לדבר" - איך בין מבזה דער זאך, איך גיב נישט אפ דעם אויבערשטן קיין כבוד. איז "יחבל לו", דערפאר האב איך מוחין פון חובלים.

אז איך זאל האבן מוחין פון נעימות, ארץ ישראל'דיגע מוחין, וואלט איך פון יעדער זאך אפגעגעבן כבוד דעם אויבערשטן, ביי 'אכילה שתיה ולינה' און ביי אלעם וואס מען טוהט דא אין דעם עולם. עס איז דאך אַן עולם פון גשמיות, מען האט אונז-מענטשן אראפגעלאזט אין דעם עולם אז מען זאל ווערן העכער ווי מלאכים,

---

[לא] וזל"ש: וְזֶה בְּחִינַת (מִשְׁלֵי י"ג): **"בָּז לְדָבָר יֵחָבֶל לוֹ"**. 'בָּז לְדָבָר', הַיְנוּ בִּזְיוֹנוֹת, הֵפֶךְ הַכָּבוֹד, עַל יְדֵי זֶה: 'יֵחָבֶל לוֹ', הַיְנוּ מֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ שֶׁהֵם בְּחִינַת חוֹבְלִים, כִּי עַל יְדֵי פְּגַם הַכָּבוֹד נִשְׁאָרִין הַמֹּחִין בִּבְחִינַת חוֹבְלִים, שֶׁהֵם מֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ כַּנַּ"ל. נִמְצָא שֶׁעִקַּר קִלְקוּל הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ הוּא עַל יְדֵי פְּגַם הַכָּבוֹד.

[לב] משלי יג, יג.

[לג] בראשית א, ג.

און זיין נעטער צום אויבערשטן ווי מלאכים[לד], ווייל מלאכים האבן נישט קיין שום שייכות מיט די זאכענישן, מיר האבן דאך א שייכות מיט גשמיות'דיגע זאכן, מיט גראבע זאכן, מען מוז עסן, מען מוז שלאפן, מען מוז טרינקען, מען מוז גיין. איז אין יעדער זאך דארף ווערן א כבוד פארן אויבערשטן, ווארום עס איז נישטא קיין שום זאך וואס עס זאל נישט זיין אין דעם פון די עשרה מאמרות, ווייל וואס עס איז דא דא אין דער וועלט איז אלץ פון די עשרה מאמרות. דערפאר, אז איך פּאָרע זיך מיט א זאך, פּאָרע איך זיך מיט א מאמר פון די עשרה מאמרות, מוז דאס דאך זיין "כולו אומר כבוד", מוז איך אין דעם מאמר ארויסגעבן א כבוד פאר דעם אויבערשטן[לה].

קומט ווייטער אויס - אזוי פלעגן אונזערע לייט טייטשן: "בז לדבר" - אז איך בין מבזה דער זאך, איך גיב נישט ארויס פון דער זאך א כבוד פארן אויבערשטן, דאס הייסט אז איך בין מבזה דער זאך, איז "יחבל לו", ווייל איך האב מוחין פון חובלים. ארץ ישראל'דיגע מוחין דארפן דאך זיין מיט אזא מין נעימות אז יעדע זאך זאל ווערן דעם אויבערשטנ'ס כבוד.

❖

## "הָיָה רַק כֻּלּוֹ טוֹב בְּלִי שׁוּם צַד קְפֵדָה וָכַעַס כְּלָל"

דער רבי האט געזאגט[לו], 'נישט האבן קיין הקפדה בלב האט ער גע'פועל'ט דורך ארץ ישראל!'. פארוואס האט משה רבינו געוואלט ארץ ישראל? "מה ראה?" -

---

[לד] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א' אות א': **כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי נִבְרָא, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל הַמַּלְאָכִים, וְזֶה הַתַּכְלִית וְהַסּוֹף שֶׁל יִשְׂרָאֵל**, וכו' עיין שם.

[לה] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא ע"א שם: וְזֶה בְּחִינַת (תְּהִלִּים כ"ט): "**וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אוֹמֵר כָּבוֹד**", הַיְנוּ שֶׁאֵצֶל אֵלּוּ שֶׁהֵם בְּהֵיכָלָא דְּמַלְכָּא, הַכָּבוֹד הוּא כֻּלּוֹ אוֹמֵר, הַיְנוּ כֻּלּוֹ מַאֲמָר, כִּי הַכָּבוֹד שֶׁיֵּשׁ לָהֶם הוּא כֻּלּוֹ רַק בִּשְׁבִיל הַמַּאֲמָר, שֶׁנִּתְהַוָּה בִּשְׁבִיל זֶה הַכָּבוֹד, אֲשֶׁר עַל יָדוֹ נִבְרָא חֵלֶק מֵהַבְּרִיאָה כַּנַּ"ל.

[לו] עיין שבחי הר"ן ח"א, אות כ"ב: אֲבָל תַּכְלִית שְׁבִירַת מִדָּה זוֹ מֵהֶפֶךְ אֶל הֶפֶךְ, דְּהַיְנוּ לְהִתְהַפֵּךְ לְטוֹב גָּמוּר שֶׁלֹּא יִכְפַּת לֵהּ כְּלָל וּכְלָל שׁוּם דָּבָר, וְיִהְיֶה רַק טוֹב בְּלִי שׁוּם צַד קְפִידָא בָּעוֹלָם, **זֶה זָכָה רַק בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**. שָׁם זָכָה לָזֶה שֶׁנִּתְבַּטֵּל הַכַּעַס בְּתַכְלִית הַבִּטּוּל, וְזָכָה וְנַעֲשָׂה טוֹב מַמָּשׁ, וְלֹא נִשְׁאַר בּוֹ שׁוּם צַד קְפִידָא בְּעָלְמָא. עַד שֶׁאַחַר־כָּךְ **אֲפִלּוּ מִי שֶׁהָיָה עוֹשֶׂה לוֹ כָּל הָרָעוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא הָיָה בְּלִבּוֹ שׁוּם**

**טייטשט דער רבי[לז], וואס האט אים אזוי געברענט קיין ארץ ישראל? "ארך אפיים ראה" - ווייל דארטן איז דא אריכת אפיים, ער האט געזעהן אז דארטן איז מען זוכה צו אריכת אפיים. ביי מדין איז געווען "וַיִּקְצֹף מֹשֶׁה עַל פְּקוּדֵי הֶחָיִל"[לח].**

**פראסט** (- פשוט) **פשט אין דער גמרא איז, ער האט געזעהן אז דער אויבערשטער איז אַן ארך אפיים, וועט אים דער אויבערשטער מוחל זיין אויפן חטא פון 'מי מריבה', וועט ער קומען קיין ארץ ישראל. דער רבי טייטשט אבער אנדערש, ער האט געזעהן אז דארטן איז מען זוכה צו אריכת אפיים - דאס האט ער געוואלט.**

**וואס איז געווען אינגאנצן דער** (פגם פון דער) **'הכאת הצור'? זאגט דאך אויך דער רבי אין דער תורה "ט' תיקונים"[לט]: 'דוחק את השעה'. דאס איז אויך א היפך פון**

---

**צַד שִׂנְאָה וּקְפֵדָא עָלָיו, אַדְּרַבָּא הָיָה אוֹהֲבוֹ וְלֹא הָיָה בְּלִבּוֹ עָלָיו כְּלָל כִּי הָיָה רַק כֻּלּוֹ טוֹב מַמָּשׁ**, וכו' עיין שם. עיין גם ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה, אות י"ז: **כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ ז"ל עַל עַצְמוֹ שֶׁזָּכָה לִבְחִינָה זֹאת בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֲרִיכַת אַפַּיִם כָּזֶה שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּלִבּוֹ שׁוּם צַד כַּעַס וּקְפֵידָא אֲפִלּוּ עַל הַשּׂוֹנֵא הַגָּדוֹל שֶׁלּוֹ שֶׁעוֹשֶׂה לוֹ כָּל הַיִּסּוּרִים, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לוֹ בְּלִבּוֹ עָלָיו שׁוּם שִׂנְאָה וּקְפֵידָא. וְזֶה עִקַּר בְּחִינַת אֲרִיכַת אַפַּיִם.**

[לז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קנ"ה: **וְעִקַּר גֹּדֶל הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַהִתְלַהֲבוּת שֶׁל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁהָיָה מִתְלַהֵב לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כָּל כָּךְ, הָיָה רַק בִּשְׁבִיל מִדָּה זֹאת שֶׁל אֲרִיכַת אַפַּיִם, מֵחֲמַת שֶׁרָאָה שֶׁשָּׁם בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זוֹכִין לִבְחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם** כַּנַּ"ל. וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין קי"א): **"וַיְמַהֵר מֹשֶׁה וַיִּקֹּד אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ", 'מָה רָאָה? אֶרֶךְ אַפַּיִם רָאָה'.** הַיְנוּ כַּנַּ"ל, כִּי מֵחֲמַת שֶׁרָאָה בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם שֶׁהוּא תָּלוּי בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל, עַל כֵּן "וַיִּקֹּד אַרְצָה", שֶׁהָיָה לִבּוֹ בּוֹעֵר לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי לִזְכּוֹת לְאֶרֶךְ אַפַּיִם כַּנַּ"ל.

[לח] במדבר לא,יד.

[לט] ליקוטי מוהר"ן סי' כ', אות ה': וְזֶהוּ טָעוּת שֶׁטָּעָה מֹשֶׁה, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָמַר לְמֹשֶׁה ..."וְדִבַּרְתֶּ אֶל הַסֶּלַע לְעֵינֵיהֶם" - 'אֵין דִּבּוּר אֶלָּא נַחַת' (שַׁבָּת ס"ג. וּמִדְרָשׁ רַבָּה שִׁיר הַשִּׁירִים סָמוּךְ לְסוֹפוֹ. וְעַיֵּן זֹהַר תֵּצֵא רע"ט: "וְדִבַּרְתֶּם אֶל הַסֶּלַע" וְכוּ' בְּדִבּוּר וּפִיּוּס וְכוּ'), שֶׁיִּשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ וּתְפִלָּתוֹ בְּתַחֲנוּנִים כְּדַל וּכְרָשׁ, אֶל הַסֶּלַע, הַיְנוּ לֵב הָעֶלְיוֹן כַּנַּ"ל, לְעֵינֵיהֶם דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיֶה הַקָּהָל בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, כְּדֵי שֶׁיְּקַשֵּׁר אֶת עַצְמוֹ עִם נִשְׁמָתָם כַּנַּ"ל. וְהוּא לֹא כֵן עָשָׂה, שֶׁזָּכַר טוּבוֹ וְצִדְקָתוֹ בִּשְׁעַת תְּפִלָּתוֹ, שֶׁלֹּא הִשְׁתַּמֵּשׁ עִם הַמַּטֶּה בִּשְׁבִיל הַקָּהָל, אֶלָּא הִשְׁתַּמֵּשׁ עִם הַמַּטֶּה בִּשְׁעַת תְּפִלָּתוֹ. וְזֶה בְּחִינַת: "וַיָּרֶם מֹשֶׁה אֶת יָדוֹ" יָדוֹ זֶה תְּפִלָּתוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י"ז): "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה", תַּרְגּוּמוֹ: פְּרִישָׂן בִּצְלוֹ, שֶׁהֵרִים אֶת תְּפִלָּתוֹ, וְלֹא קִשֵּׁר אֶת עַצְמוֹ עִם הַקָּהָל. "וַיַּךְ אֶת הַסֶּלַע בְּמַטֵּהוּ פַּעֲמָיִם" כִּבְיָכוֹל "הִכָּה צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם" (תְּהִלִּים ע"ח), שֶׁהִכָּה לֵב הָעֶלְיוֹן, **כְּמוֹ שֶׁלּוֹקְחִין אֵיזֶה דָּבָר בְּכֹחַ וּבְאֹנֶס**, כִּי בָּא בְּכֹחַ מַעֲשָׂיו הַטּוֹבִים ... **וּבִשְׁבִיל זֶה אֵין לְאָדָם לִדְחֹק אֶת עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, אֶלָּא יְבַקֵּשׁ בְּתַחֲנוּנִים; אִם יִתֵּן לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו**, וכו' עיין שם.

אריכת אפיים. דער גאנצער הכאת הצור, קומט אוים פון דעם רבי'ן, איז אויך געווען א פגם אין דעם ענין פון אריכת אפיים. דערפאר האט ער אזוי געברענט קיין ארץ ישראל.

ברוך השם, מיר זענען דאך דא אין ארץ ישראל, און מען ווערט אנגערופן אויף דעם נאמען פון דעם צדיק - נו, וואו איז אונזער אריכת אפיים?! אריכת אפיים איז דאך די מוחין! אז די מוחין זענען נעימות, איז דא אריכת אפיים. פארוואס קריג איך זיך מיט יענעם? ווייל איך האב נישט קיין אריכת אפיים, די מוחין זענען חובלים. אז עס איז דא אריכת אפיים דעמאלט איז דא א נעימות, "שמנעימים זה לזה". אפילו מען גלייכט זיך נישט (בדעה אחת), אבער אויך מיט א נעימות. מען קען זיך אמאל נישט גלייכן - אבער מיט א נעימות[מ].

דאס פעלט צום רבי'נס זאך, אז דאס רעדן מיט חברים זאל זיין מיט א נעימות, נישט מיט קיין חובלים. אפילו ביי זיך אליין זאל דער מענטש נישט האבן קיין שום (דינים). דער רבי רעדט דארטן[מא], אז דער מענטש ליגט אין דינים. אפילו איך בין איינער אליין, דארף איך האבן אין זיך א נעימות, דאס דאווענען זאל זיין מיט א נעימות, עס זאל נישט האבן עפעס קיין מין (דין).

אז א מענטש גייט ארום מיט א הקפדה בלב - עס מאכט זיך אז א מענטש איז אויף זיך אליין ברוגז, איז שוין א פגם אין דעם ענין, עס הייסט שוין חובלים, דעמאלט איז דאס שוין מוחין פון חוץ לארץ, ער האט נישט קיין פרייע מוחין מיט א נעימות. ארץ ישראל'דיגע מוחין זענען מוחין מיט א נעימות. אפילו אויב דער מענטש איז

---

[מ] עיין ליקוטי הלכות הל' רבית ה"ה, אות א': **אַף עַל פִּי שֶׁדַּעַת כָּל אָדָם מְשֻׁנָּה מֵחֲבֵרוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לֶאֱהֹב אֶת חֲבֵרוֹ כְּנַפְשׁוֹ וְלֵידַע שֶׁהַכֹּל אֶחָד**, כִּי כָּל הַפְּעֻלּוֹת מִשְׁתַּנּוֹת נִמְשָׁכִין מֵאֶחָד הַפָּשׁוּט. וְה' יִתְבָּרַךְ בָּרָא כָּל אֶחָד בְּדֵעָה מְשֻׁנָּה מֵחֲבֵרוֹ דַּיְקָא, כְּדֵי שֶׁכָּל אֶחָד בְּשִׁנּוּי דַּעְתּוֹ יִכָּלֵל בְּאַחְדוּת עִם חֲבֵרוֹ, וְלֹא יָבוֹאוּ לִידֵי קִנְאָה וְשִׂנְאָה וּקְטָטָה, חַס וְשָׁלוֹם, עַל יְדֵי שִׁנּוּי דַּעְתָּם, רַק יֶאֱהָבוּ זֶה אֶת זֶה וִיקַיְּמוּ אֶת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת יַחַד וְיִכָּלְלוּ כֻּלָּם כְּאֶחָד, שֶׁזֶּה יָקָר מְאֹד אֵצֶל ה' יִתְבָּרַךְ כְּשֶׁפְּעֻלּוֹת מִשְׁתַּנּוֹת נִכְלָלִין בְּאֶחָד הַפָּשׁוּט, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה יְמֵי חֲנֻכָּה בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן ב, עַיֵּן שָׁם. עיין גם ליקוטי הלכות הל' שומר שכר ה"ב, אות י'.

[מא] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ב, ועוד.

וויט פונעם אויבערשטן, אבער אז ער הויבט זיך אויף מיט מוחין פון נעימות, גייט ער צו צו דער התקרבות מיט א האפענונג, מיט א התחזקות, מיט א שמחה, איז דאס נעימות.

## "לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה'"

דער רבי טייטשט דארט צום סוף[מב]: "לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ", איז סופי תיבות 'תרומ"ה'. נאך דער פגם העגל האט דאך דער אויבערשטער געהייסן מאכן א משכן, עס איז געווארן א משכן[מג]. טייטשט דער רבי: "מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי".

דער גאנצער עגל איז דאך געווען וואס מען האט גע'הרג'עט "חור"[מד], דער גאנצער עגל איז געווען נאר אַן ענין פון חובלים, אידן האבן נישט געקענט צוואווארטן, "וַיַּרְא הָעָם כִּי בֹשֵׁשׁ מֹשֶׁה"[מה], מען איז שוין געלאפן, שוין געטוהן[מו], דאס איז אלץ געווען א פגם אין נעימות, עס איז געווען א יניקה פון חובלים.

מיר דארפן זיך גוט איינ'חזר'ן און זיך גוט שטארקן דערינען, מיר זאלן נישט האבן קיין מוחין פון קיין חובלים, מיר זאלן האבן מוחין פון נעימות.

---

[מב] וזל"ש: **וְזֶה אוֹתִיּוֹת תְּרוּמָה הֵם סוֹפֵי תֵבוֹת: לַחֲזוֹ'ת בְּנֹעַ'ם ה' וּלְבַקֵּ'ר בְּהֵיכָלֹ'וֹ** (תְּהִלִּים כ"ז), כִּי תְּרוּמָה, הַיְנוּ צְדָקָה שֶׁהִיא נְדִיבוּת לֵב, בְּחִינַת: "מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי", עַל יָדָהּ נַעֲשֶׂה כְּלִי לְקַבֵּל מִנֹּעַם ה', שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִמְשָׁךְ הִתְגַּלּוּת כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד". וְזֶהוּ: "לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ" סוֹפֵי תֵבוֹת: תְּרוּמָה כַּנַּ"ל.

[מג] עיין מדרש תנחומא תרומה פר' ח'.

[מד] עיין במדרש תנחומא כי תשא פר' כ': **ואין לך גדול מן חור שנהרג באותה שעה.**

[מה] שמות לב, א.

[מו] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ה, אות ל': **וַיַּרְא הָעָם כִּי בֹשֵׁשׁ מֹשֶׁה** וְכוּ'. **כִּי מִי שֶׁרוֹצֶה לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ אֱמוּנַת הָרָצוֹן וּלְהִנָּצֵל מִכָּל הַצָּרוֹת עַל יְדֵי זֶה וּלְמַלֹּאת כָּל חֶסְרוֹנוֹתָיו רַק עַל יְדֵי זֶה, הוּא צָרִיךְ לְהַמְתִּין וּלְהַמְתִּין** בִּבְחִינַת (אֵיכָה ג) טוֹב וְיָחִיל וְדוּמָם לִתְשׁוּעַת ה', וְכַמְבֹאָר לְעֵיל מִזֶּה. וְהֵם עָשׂוּ בְּהֵפֶךְ מַמָּשׁ, שֶׁעַל יְדֵי שֶׁזָּכְרוּ כִּי בֹשֵׁשׁ מֹשֶׁה הִתְגַּבְּרוּ לְהַטִּיל סָפֵק בָּרָצוֹן, עַד שֶׁעָשׂוּ עֲבוֹדָה זָרָה שֶׁהוּא הֵפֶךְ אֱמוּנַת הָרָצוֹן, שֶׁעַל יְדֵי זֶה סָבַלְנוּ מַה שֶּׁסָּבַלְנוּ בְּכָל הַדּוֹרוֹת שֶׁעָבְרוּ עַד הַיּוֹם שֶׁהַגָּלוּת מִתְאָרֵךְ מְאֹד שֶׁהַכֹּל מֵחֲמַת חֵטְא הָעֵגֶל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת לב) וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי וְכוּ'

דאס ענין פון נעימות איז שייך ביי יעדן איינעם, כאטש די נעימות איז דאך שייך צו דעם אמת'ן צדיק (וואס ער איז זוכה) "לחזות בנועם ה'", אבער עס איז שייך ביי יעדן איינעם, אפילו ער איז אין א מדריגה נמוכה. אז איך וויל עפעס - נישט מיט קיין חובלים, נישט מיט קיין בייזקייט.

## די גניבה 'כל נדרי' ביינאכט

דאס גאנצע התחזקות פון דעם רבי'נס זאך איז אויך א מין נעימות.

אלע ווייסן דארטן די מעשה פון ווילנא. רבי נתן האט אמאל געהערט א שמועס פון התחזקות - א געוואלד. שוין, דער עולם איז זיך צעגאנגען. איז דארטן געשטאנען א פרעמדער יונגערמאן וואס ער האט געהערט דעם שמועס, איז ער צוגעגאנגען צו רבי נתנ'ען און ער האט אים געזאגט: "איך בין פון ווילנא, און איך האב געהאלטן אז איך בין א פארפאלענער אלע יארן - איך בין א פארפאלענער. נאר אזוי ווי איך האב געהערט פון אייך דעם שמועס, וויל איך זיך מיט אייך איבעררעדן - אפשר האב איך א האפענונג!". האט ער דערציילט רבי נתנ'ען די מעשה וואס איז געווען:

אין ווילנא אין דער גרויסער שול, דעם גאון'ס שול, איז געווען דארטן א געוואלדיגע רייכקייט. איז געלעגן אין דער שול די ספרי תורות, זילבערנע מיט גאלדענע, מיט אזעלכע צירונגען, מיט בלעכן - א פארמעג איז געלעגן דארט צוזאמען מיט די ספרי תורות. די גנבים האבן דאך געלאקערט אויף דער רייכקייט, האט מען געשטעלט א שטענדיגן שומר וואס זאל היטן דער שול.

די גנבים האבן זיך פארלייגט אויף דעם פארמעג, אבער זיי האבן נישט געקענט צוטרעטן, עס שטייט דאך תמיד שומרים. האבן זיי זיך מיישב געווען, די בעסטע צייט איז יום כיפור ביינאכט. יום כיפור ביינאכט עפנט מען דאך אויף דעם ארון קודש ארויסצונעמען די ספרי תורות פאר 'כל נדרי', און א גרויסער עולם פלעגט בלייבן נעכטיגן דארטן אין שול זאגן דארטן תהלים. איז אינמיטן דער נאכט ווען דער

עולם שלאפט שוין אזוי, מען איז שוין שלעפעריג, און דער ארון קודש איז דאך אפן, דעמאלט איז דער זמן ארויסצונעמען דעם פארמעג.

זיי האבן עס (גוט) באַארבעט, זיי האבן ארויסגענומען דעם גאנצן פארמעג פון דעם ארון קודש יום כיפור ביינאכט!

עס קומט צוגיין אינדערפרי אין שול, מען עפנט דעם ארון קודש - דאס פארמעג איז נישטא... - געוואלד! ווען איז דאס געטוהן געווארן?! נעכטן ביי כל נדרי זענען דאך נאך די אלע זאכן געווען, איז דאך עס געטוהן געווארן יום כיפור ביינאכט!!! אמאל מיט הונדערט פופציג יאר צוריק צו מער - יום כיפור ביינאכט דעמאלט זאל מען אפטוהן אזא מין גניבה?!...

דעמאלט איז דאך געווען גדולים, גרויסע מענטשן, בעלי רוח הקודש, האבן זיי געמאכט א חרם אויף די גנבים וואס האבן דאס געטוהן, און אויף די אלע וואס זיי ווייסן די וואס זענען געווען פארמישט אין דעם - 'די וואס זיי ווייסן דערפון און זיי ווען נישט ארויסגעבן און אויסזאגן, זענען אויך אין חרם!'.

(סיים הלא דבריו:) **"איך בין געווען פון די וואס האבן געוואוסט. איך האב נישט גע'גנב'עט, אבער איך האב געוואוסט ווער עס האט דאס געטוהן - בין איך דאך אין חרם ביי אזעלכע גדולים - איך האב נישט אויסגעזאגט. נאר אזוי ווי איך האב געהערט פון אייך דעם שמועס - אזעלכע התחזקות, וויל איך אייך פרעגן, צו האב איך אויך עפעס א האפענונג?!".**

וואס רבי נתן האט גערעדט מיט אים - ווייסן מיר נישט, אבער דאס ווייסט מען, רבי נתן האט אים געענטפערט - 'יא!'

מסתמא האט ער גערעדט מיט אים 'לדינא' אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן. אבער דאס ווייסט מען, ער האט אים געזאגט אז ער האט יא האפענונג, ער האט נאך א האפענונג! נאר 'וואס-ווען' - ווייסן מיר נישט.

❖

# נישט יענעם צעביילן...

אז דעם רבי'נס זאך איז אַן ענין פון נעימות, איז נישטא (אזא זאך) אז איך זאל דעם דאזיגן בעל עבירה מרַחק זיין! דאס ענין פון מרַחק זיין - דאס הייסט א מין חובלים. 'חובלים' איז (שייך) איבער אסאך ענינים.

אפילו גדולים, צדיקים, די "תלמידי חכמים שבבבל" זענען "חובלים זה לזה בהלכה". ווער? די תלמידי חכמים שבבל? נאר דער תירוץ איז, עס איז דא עפעס אזא מין סארט נעימות וואס הייסט 'מוחין של ארץ ישראל'. 'מוחין של ארץ ישראל' איז שייך ביי דעם קלענסטן און ביי דעם גרעסטן - מיט א נעימות, נישט מיט קיין בייזקייט.

דער רבי איז מלא התחזקות פאר יעדן איינעם. דאס איז אויך א מין נעימות, אז איך טוה נישט יענעם ביילן (- חבלה, צעביילן). 'ביילן' הייסט - 'איך בין אים מייאש' - 'גיי דיר, איך האב נישט מיט דיר וואס צו רעדן!' - דאס הייסט אויך א מין 'חובלים'.

דאס איז אונזער זאך, און אט דאס פעלט ביי אונז. דער רבי האט דאך געזאגט[מז]: **"די וועלט קער זיך פארוואונדערן אויף דער אהבה וואס איז דא צווישן מיינע מענטשן!"**[מח].

דער רבי איז א 'נועם העליון', וואס דארטן איז נאר דא אזא מין נעימות, אזא מין זיסקייט. דארף טאקע זיין אהבה, דארף טאקע זיין אז די וועלט זאל זיך פארוואונדערן אויף דער אהבה וואס איז דא, ווייל דאס נעמט זיך פון דעם נועם העליון.

❖

---

[מז] עיין חיי מוהר"ן אות רצ"ב: **עָנָה וְאָמַר הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ.**

[מח] עיין במכתבי ר' נתן בר"י מיום ג' פנחס תר"ם, מכתב פ"א: געוואלד, לאמיר נישט פארשלאפן אינזערע יארן! אין אויף וועקן פין איהם שלאף איז נאר דברי רבינו ז"ל ותלמידו הקדוש! רק "ולחם עצלות לא תאכל". אין מיר דארפן זיך כאטש שניצן איין רוגז אין (מיר) **זעהן עכ"פ אז ביי אינז זאלן די חובלים נישט קאליע מאכן די נעימים**, ועי"ז זוכין להולדה. **ובפרט מיר זענען עטליכע מענטשן אין א"י, ורבינו ז"ל בודאי לא מסכים שיהיה בינינו ח"ו מחלוקת**, כי רבינו ז"ל אמר שאם אתם תהיו שמחים היה טובה לכל העולם. **ואם אנו היינו אוהבים זה לזה באמת - ג"כ היה טובה לכל העולם**, כי כל העולם לא נברא כי אם לצוות לזה, וכפי הצדיק עם אנשיו - כן מתנהג לטובת העולם.

# אויפגעדעקט דער העלמה

נעכטן האבן מיר געלערנט אין דער תורה פון "בראשית"[מט] אין וואס מיר האלטן, אז פריער זאגט דער רבי: "וזה בחינת ההעלמה" - העלמה, העלמה. און נאכדעם זאגט דער רבי: אז עס ווערט נתגלה דער 'פּאֵר', דער צדיק, וואס ער איז דער 'יופי' און דער 'חן', ווערן דעמאלט געעפנט די אויגן פון דער וועלט.

האט מען דעמאלט גערעדט, איידער יוסף האט געזאגט די ווערטער[נ]: "אֲנִי יוֹסֵף", איז געווען אַן איבערקערעניש, יעקב איז נישט געווען ביי זיך, די שבטים זענען געווען איבערראשט[נא]: "מַה נֹּאמַר וכו' הָאֱלֹקִים מָצָא אֶת עֲוֹן עֲבָדֶיךָ", זיי האבן נישט גערוהט, 'וואס זאל מען טוהן?!' אבער ווי נאר ער האט געזאגט: "אני יוסף", איז געווארן נתגלה דער צדיק, איז שוין געווארן עפעס אנדערש.

ביז יעצט איז דאך אלץ געווארן 'העלמה', זיי האבן נישט געוואוסט ווער איז עס דער דאזיגער, עס האט זיך אזוינס איבערגעטוהן. אבער ווי נאר עס איז געווארן "אני יוסף", איז שוין געווארן אַן ענין אחר לגמרי, איז שוין געווארן א נעימות.

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי רעדט דאך טאקע פון יוסף!) יוסף איז דאך דער נועם[נב].

---

[מט] ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ז, וזל"ש: **וְזֶה בְּחִינַת הַהַעֲלָמָה, שֶׁנִּתְעַלֵּם הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר שֶׁל כָּל הָעוֹלָם.** כִּי יֵשׁ צַדִּיק, שֶׁהוּא הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר וְהַחֵן שֶׁל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, בִּבְחִינַת (בְּרֵאשִׁית ל"ט): "וַיְהִי יוֹסֵף יְפֵה תֹאַר וִיפֵה מַרְאֶה", בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים מ"ח): "יְפֵה נוֹף מְשׂוֹשׂ כָּל הָאָרֶץ". כִּי זֶה הַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי שֶׁהוּא בְּחִינַת יוֹסֵף, הוּא הַהִדּוּר וְהַיֹּפִי שֶׁל כָּל הָעוֹלָם, **וּכְשֶׁזֶּה הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר נִתְגַּלֶּה בָּעוֹלָם, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁזֶּה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא הַיֹּפִי שֶׁל כָּל הָעוֹלָם, נִתְפַּרְסֵם וְנִתְגַּדֵּל בָּעוֹלָם, אֲזַי נִפְתָּחִין הָעֵינַיִם שֶׁל הָעוֹלָם.** שֶׁכָּל מִי שֶׁנִּכְלָל בְּזֶה הַחֵן הָאֱמֶת שֶׁל זֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא הַחֵן וְהַיֹּפִי שֶׁל הָעוֹלָם, דְּהַיְנוּ שֶׁמִּתְקָרֵב אֵלָיו וְנִכְלָל בּוֹ, נִפְתָּחִין עֵינָיו וְיָכוֹל לִרְאוֹת, **וְהָעִקָּר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ.**

[נ] בראשית מה, ג.

[נא] שם מד, טז.

[נב] שם בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"א, וזל"ש: 'שָׁפְרָה' זֶה בְּחִינַת יוֹסֵף, בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית ל"ט): "**וַיְהִי יוֹסֵף יְפֵה תֹאַר**" וְכוּ', וִיפֵה תֹאַר זֶה בְּחִינַת יְפֵה תֹאַר, הַנֶּאֱמַר בְּדָוִד. וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין צג:): 'אִישׁ תֹּאַר, שֶׁמַּרְאֶה פָּנִים בַּהֲלָכָה', הַיְנוּ בְּחִינַת מֹחִין, בְּחִינַת **נֹעַם**, שֶׁמַּנְעִימִים בַּהֲלָכָה כַּנַּ"ל. עיין גם לעיל הערה מט'.

אויך יעקב אבינו איז שוין דעמאלט געווארן עפעס אנדערש, עס האט זיך אים אומגעקערט דער רוח הקודש, "וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם"[נג], עס איז שוין געווארן אַן אנדער זאך. וואס איז? ווייל עס איז נתגלה געווארן דער צדיק וואס זיין זאך איז נעימות, זיין זאך איז נאר נעימות.

מיר גלויבן דאך אז דעם רבי'נס זאך איז אַן ענין פון נעימות, נישט מיט קיין חובלים, נאר פול - 'מלא התחזקות'! אז מיר גייען אין דעם חדר, דארפן מיר וויסן אז דעם רבי'נס חדר איז א חדר פון נעימות.

## "ער שיסט שוין פולווער!"...

דער רבי האט דאך געזאגט: "אז משיח וועט אפנעמען דער גארער וועלט, וועט ער נישט אויסשיסן קיין איין פולווער!"[נד]

דאס איז אויך די אייגענע, ער וועט גיין מיט א נעימות. דער רבי זאגט[נה], ער וועט דעמאלט שפילן א ניגון גאר, א ניגון פון חסד, א ניגון פון ע"ב נימין, וואס מיט דעם ניגון וועט ער אפנעמען דער וועלט, מיט דעם וועט ער מקרב זיין די וועלט צום אויבערשטן![נו]

פלעגן אונזערע לייט טאקע זאגן - טאמער איינער האט דארטן גערעדט מיט אַן אנדערן אביסל העכער: "אָה, דו שיסט שוין פולווער!". אז יענער האט נאר אביסל העכער גערעדט - דאס הייסט שוין 'געשאסן פולווער'.

---

[נג] בראשית מה, כז. וברש"י שם: שרתה עליו שכינה שפירשה ממנו.

[נד] עיין ליקוטי הלכות הל' יו"ט ה"ה, אות ט': **גְּאֻלָּה הָאַחֲרוֹנָה הוּא בִּבְחִינַת שַׁבַּת שָׁלוֹם. שֶׁמָּשִׁיחַ יִכְבֹּשׁ הָעוֹלָם בְּלִי מִלְחָמָה כְּלָל, רַק עַל יְדֵי גֹּדֶל הַדַּעַת שֶׁיִּגָּלֶה בָּעוֹלָם.** גם מובא במקום אחר בזה"ל: **וכולם יתבטלו אצלו בלי רעש ומלחמה רק מחמת החן וההשתוקקת אליו.** גם עיין מצודות דוד על הפסוק (זכריה ד, ו): "לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ כִּי אִם בְּרוּחִי אָמַר ה' צְבָאוֹת". לא בחיל - ר"ל, **ממשלתו על העכו"ם לא יהיה בעבור חילו הרב, ולא בכח זרועו יכבשם במלחמה, אבל ימשול בם מבלי טורח מלחמה, כי אם ברצוני, כי אתן בלב העכו"ם להיות נכנעים לו וסרים למשמעתו.**

[נה] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח', אות א'.

[נו] עיין חיי מוהר"ן ש"מ.

מיר דארפן אפנעמען דורכן 'נישט שיסן קיין פולווער'! - עס ליגט עפעס אזא מין סארט אמת ביים רבי'ן!

דער רבי האט דאך געזאגט: "מיט בייזן פועל'ט מען נישט! אז מען פועלט אמאל יא מיט בייזן, וואלט מען דאס מאל מיט גוטן גיכער גע'פועל'ט!"[נז].

עס מאכט זיך אז א מענטש פועל'ט אמאל מיט בייזן, מיינט ער אז מיט גוטנס וואלט ער נישט גע'פועל'ט - דאס מאל וואלסטו מיט גוטן גיכער גע'פועל'ט!

עס ליגט עפעס א מין אמת'ער וועג ביים רבי'ן. אז מען זאל צוגיין צום רבי'ן מיט א תמימות, איז עס א וועג פון נעימות, א וועג פון התחזקות איינער מיטן צווייטן, מען זעהט זיך איינער מיט דעם אנדערן ממש מיט א נעימות, מען קוקט זיך אָן מיט א סבר פנים[נח].

ברוך השם, דער "ספר" (ליקוטי מוהר"ן) איז פול מיט נעימות און מיט התחזקות, מיר האבן די "מכתבים" (עלים לתרופה) וואס זענען פול מיט נעימות און התחזקות, און די "תפילות" (ליקוטי תפילות) - וואו מען דרייט זיך איז אלץ פול מיט נעימות.

אז דאס איז דעם רבי'נס זאך, מוז דאס אזוי זיין, עס קען שוין אנדערש נישט זיין! עס שטייט אין חיי מוהר"ן[נט], דער רבי האט געזאגט: איידער די זאך קומט - קען מען זיך באגיין (אָן דעם), אבער אז די זאך איז שוין דא - מוז מען שוין אנקומען צו דער

---

[נז] עיין עלים לתרופה מכתב מיום ג' ב' דחנוכה תר"ד: **עַל יְדֵי כַּעַס אֵין פּוֹעֲלִים כְּלוּם רַק מַזִּיקִים הַרְבֵּה, רַחֲמָנָא לִצְלָן**, כִּי רַגְזָן לֹא עָלְתָה בְּיָדוֹ אֶלָּא רַגְזָנוּתוֹ, **וְכָל מַה שֶּׁיְּכוֹלִים לִפְעֹל, פּוֹעֲלִים בְּדִבְרֵי נַחַת יוֹתֵר וְיוֹתֵר**. כִּי דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים.

[נח] עיין ליקוטי עצות מהדו"ב, אות ח': וּמִי שֶׁהוֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ זֶה, **בְּוַדַּאי כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל חָשׁוּב וְיָקָר בְּעֵינָיו מְאֹד**, וּכְשֶׁפּוֹגֵעַ אֲפִלּוּ בְּהַפְּחוּתִים שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, בְּוַדַּאי יֵשׁ לוֹ מַה לְּדַבֵּר עִמּוֹ וּלְקַבֵּל מִמֶּנּוּ אוֹ לְהָאִיר בּוֹ, וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁפּוֹגֵעַ עִם הָעוֹבְדֵי כּוֹכָבִים וּמַזָּלוֹת יוּכַל לְקַבֵּל מִמֶּנּוּ. (כַּמְבֹאָר בְּמַאֲמַר מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים סִימָן לג), **וְכָל זֶה זוֹכִין עַל יְדֵי דַּרְכֵי הַתְּמִימוּת דַּיְקָא**.

[נט] אות רצ"ט: פַּעַם אַחַת דִּבֵּר עִמִּי מֵעִנְיָן שֶׁאִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת כִּי אִם כְּשֶׁמִּתְקָרְבִין לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבַּדּוֹר. עָנָה וְאָמַר קֹדֶם שֶׁנִּמְצָא הַצַּדִּיק הָאֱמֶת בָּעוֹלָם יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵעַצְמוֹ. אֲבָל אַחַר שֶׁכְּבָר נִמְצָא הַצַּדִּיק הָאֱמֶת בָּעוֹלָם אִי אֶפְשָׁר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת בְּשׁוּם אֹפֶן כִּי אִם כְּשֶׁזּוֹכִין לְהִתְקָרֵב אֵלָיו. **(וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, אַיי סֶע אִיז פַאר הַאנֶין עֶפֶּעס אַ זַאךְ קֶען מֶען וְכוּ' נִישְׁמֶער אַז סֶע אִיז שׁוֹין פַאר הַאנֶין קֶען מֶען אַנְדֶערְשׁ נִיט זַיין אֵיין יְהוּד סַיידְן מֶען אִיז זִיךְ צוּ אִים מְקָרֵב).**

זאך. אז דאס איז א וועג וואס גייט נאר מיט נעימות, מוז מען שוין גיין נאר מיט דעם וועג, עס קען אנדערש נישט זיין, עס קען נישט זיין אנדערש!

אפילו ווען דער מענטש אליין רעדט צום אויבערשטן דיבורים, ער האט התבודדות, טאר ער נישט זיך אויסזידלען. אז ער זידלט זיך אויס, מוז ער אבער אויך ענדיגן מיט א נעימות. אז ער וועט אוועקגיין אזוי - "**התבודדות שאינו כראוי מביא לידי כעס**"[ס]. אז א מענטש זידלט זיך אויס, ער איז זיך מבזה פיין, און שוין, אויב דערנאך ענדיגט ער און ער בלייבט דערביי און ער איז זיך נישט מחזק, ער שטארקט זיך נישט, ווערט ער נאר אין כעס, לאזט ער אויס דערנאך דער כעס צו יענעם... [סא]

אז ער האט זיך גוט אויסגעזידלט, ער זעהט אז ער איז צעקלאפט, ער האט נישט אין זיך קיין איין גאנצן איבר - אויב מיט דעם ענדיגט ער און מיט דעם איז ער געבליבן, איז דאס א "התבודדות שאינו כראוי". עס דארף זיך ענדיגן מיט א התחזקות, מיט א שמחה, איך האב נאך א האפענונג, און דאנקען דעם אויבערשטן וואס איך בין שייכות צו אזא גרויסן צדיק, צו אזא גרויסן בעל כח, און טאנצן מיט שמחה, מיט א נעימות[סב].

אין א הלכה זאגט רבי נתן[סג], (די אלע התחזקות) איז נישט עפעס וואס מען רעדט אים איין, נאר עס איז טאקע אזוי! נישט אז איך וויל אים איינרעדן אז ער האט נאך

---

[ס] ספר המידות ערך 'כעס' אות ל"ה.

[סא] עיין ליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ד, אות ט"ז: **עַל כֵּן גַּם לְבַזּוֹת אֶת עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר עַד שֶׁיּוּכַל לִפֹּל עַל יְדֵי זֶה חַס וְשָׁלוֹם, הוּא בְּוַדַּאי אִסּוּר חָמוּר**, כִּי הוּא אִסּוּר שְׁפִיכוּת דָּמִים שֶׁאָסוּר גַּם בְּעַצְמוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, שׁוֹפֵךְ דַּם הָאָדָם וְכוּ'. וְאַךְ אֶת דִּמְכֶם לְנַפְשֹׁתֵיכֶם. וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וּמוּבָא בְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י, לְרַבּוֹת הַשּׁוֹפֵךְ דַּם עַצְמוֹ.

[סב] עיין כוכבי אור, חלק 'ששון ושמחה', תפילה ג': עָזְרֵנִי וְהוֹשִׁיעֵנִי מֵעַתָּה אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם **לְהִתְבּוֹדֵד** בַּשָּׂדֶה בְּכָל לַיְלָה וָלַיְלָה **וְלִצְעֹק לְפָנֶיךָ מֵעֹמֶק הַלֵּב** עַל כָּל אֲשֶׁר עוֹבֵר עָלַי, וּלְפָרֵשׁ הֵיטֵב אֶת שִׂיחָתִי לְפָנֶיךָ עַל כָּל מִינֵי מְנִיעוֹת הַמּוֹנְעִים אוֹתִי מִלִּהְיוֹת כִּרְצוֹנְךָ בֶּאֱמֶת. וּבְכָל זֹאת אֶתְחַזֵּק עַצְמִי אַחַר־כָּךְ בְּשִׂמְחָה עֲצוּמָה וְנִשְׂגָּבָה בְּךָ וּבְצַדִּיקֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים, בְּשִׂמְחָה שֶׁאֵין לָהּ קֵץ וְתַכְלִית **עַד שֶׁיִּשָּׂא לִבִּי אֶת יָדַי וְרַגְלַי לְהַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִים הַרְבֵּה** כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב.

[סג] עיין משיבת נפש אות י"ח ע"פ ליקוטי הלכות הל' נט"י לסעודה ה"ו אות פ"ב. [עיין במצודות דוד וברד"ק עה"פ המבואר שם בפנים בליקו"ה "וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר" (ישעי' מ, ה)].

האפענונג אזוי ווי ביי א חולה וואס מען זעהט אז ער גייט שוין... **נאר עס איז טאקע אזוי, דאס התחזקות איז געוואלדיג גרויס, דעם אויבערשטנ'ס רחמנות לאזט זיך נישט אויס, דער אמת איז טאקע אזוי, יעדער איינער האט האפענונג, ער איז נישט קיין פארפאלענער, האלט זיך!**

## איך וועל אויספירן מיט מיינע בעלי בתים

אזעלכע מקורבים איז געווען (ביי אונז); דער רבי אליין האט דאך געזאגט[סד]: "**צו מיר ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי קארג!**". און דער רבי האט געזאגט[סה]: "**וואו עפעס רעכטס איז מחוייב צו מיר מקורב ווערן!**". און דער רבי האט געזאגט: "**איך וועל אויספירן מיט מיינע בעלי בתים אזוי ווי איך פיר אוים מיט מיינע חסידים!**".

'איך וועל אויספירן מיט מיינע בעלי בתים' - א בעל בית האט דאך אין זיך אַן אנדער גאנג. אבער איך וועל מיט זיי אויספירן אזוי ווי איך פיר אוים מיט די חסידים. נאר וואס דען? יעדער איינער אין זיין ערך.

ר' שמואל טעפליקער האט געהייסן א בעל הבית, ער איז געווען א איד א צדיק, אבער אנטקעגן רבי שמואל אייזיק'ן און רבי נפתלי'ן האט ער געהייסן א בעל בית, ער איז געפארן מיטן רבי'ן די נסיעה[סו] (לנאווריטש).

האט דער רבי אמאל א זאג געגעבן אויף אים: "**ער איז א 'נכנס ויצא בשלום'!**". איז געבליבן רבי נתן שטיין (משתומם). האט דער רבי געזאגט: "**איך מיין אין זיין** מדריגה - **אין זיין ערך!**"[סז].

---

[סד] חיי מוהר"ן אות ש"י.

[סה] שם רפ"ו.

[סו] עיין בחיי מוהר"ן מסי' קנ"א והלאה.

[סז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"א, אות ט', וזל"ש בא"ד: וְזֶה בְּחִינַת (חֲגִיגָה י"ד:): 'אַרְבָּעָה שֶׁנִּכְנְסוּ לַפַּרְדֵּס, רַבִּי עֲקִיבָא נִכְנַס בְּשָׁלוֹם וְיָצָא בְּשָׁלוֹם, בֶּן עַזַּאי הֵצִיץ וְנִפְגַּע, בֶּן זוֹמָא הֵצִיץ וָמֵת, אַחֵר קִצֵּץ בִּנְטִיעוֹת'.

מיט דעם גאנג וואס דער רבי גייט, וואס דער אמת איז אזוי, א גאנג פון נעימות און פון התחזקות, וועט דער רבי דורך דעם מיט יעדן איינעם אויספירן וועדליג זיין ערך!

למשל, ר' שמואל טעפליקער קען דאך נישט גיין מיט רבי שמואל אייזיק'ס גאנג, ער איז דאך פארט נישט געווען "רבי שמואל אייזיק", אבער ער איז פארט געווען "ר' שמואל"! אז דער רבי האט אים מיטגענומען אויף די נסיעות - איז ער דאך 'געווען'! אבער ער איז פארט געווען א בעל בית, א גרויסער עושר געווען, ער איז טאקע נישט געווען רבי שמואל אייזיק, אבער דער רבי וועט מיט אים אויספירן אזוי ווי ער פירט אוים מיט די חסידים. פארוואס? דאס נעימות האט פאר יעדן איינעם א גאנג.

איך האב געוואוינט אין טעפליק פיר יאר, איך האב געקענט זיינע אייניקלעך - זיין זונ'ס קינדער, זיי זענען געווען דורות ברסלב'ער חסידים, עס האט זיך געצויגן.

(ר' נחמן: מען הערט נישט קיין גרויסקייטן פון ר' שמואל טעפליקער!) איך האב יא געהערט, איך האב געהערט אויף אים גרויסקייטן, ממש גרויסקייטן אין קדושה, מיט זאכענישן, איך קען דאך נישט רעדן אזעלכע פרטיות'דיגע זאכן. אבער ער איז געווען א בעל בית.

ער איז געווען א בעל בית! אנטקעגן דעם רבי'נס תלמידים - רבי אהרן דער רב, צו רבי שמואל אייזיק, צו רבי יודל, צו רבי נתן און רבי נפתלי, איז ער נישט געווען, אבער ער איז געווען! דער רבי האט דאך געזאגט: "א נכנס ויצא" - דאס איז דאך נישט קיין קליינקייט, א געוואלד!

פלעגן אונזערע לייט זאגן אזוי: א פרדס איז דאך א גן עדן וואס "עין לא ראתה" - עס איז אָן א סוף. איז ביי יעדן איינעם איז דאס לויט וויפיל ער גייט אריין. איינער

---

וְאֵלּוּ הָאַרְבַּע בְּחִינוֹת הֵם בְּחִינוֹת צַדִּיק וְרָשָׁע עוֹבֵד אֱלֹקִים וְלֹא עֲבָדוֹ, הָאֲמוּרִים בַּפָּסוּק (מַלְאָכִי ג'): "וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק וְכוּ' וְאֵלּוּ הָאַרְבַּע בְּחִינוֹת הֵם נִמְצָאִים בְּכָל בְּנֵי אָדָם הָרוֹצִים לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת ה', וּלְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר. **כִּי יֵשׁ מִי שֶׁהוּא נִכְנָס וְנִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק**, וְהוּא מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ דֶּרֶךְ יְשָׁרָה לַעֲבוֹדַת ה' **לְפִי מַדְרֵגָתוֹ וְעֶרְכּוֹ**. וְהוּא בְּחִינוֹת צַדִּיק, בְּחִינוֹת רַבִּי עֲקִיבָא שֶׁנִּכְנַס בְּשָׁלוֹם וְיָצָא בְּשָׁלוֹם

גייט אריין אין דעם פרדס און ער גייט ארויס לפי ערכו, אבער דער אנדערער גייט אריין מערער - און גייט ארויס (מערער). ביי יעדן איינעם איז דאס לויט וויפיל ער גייט אריין.

מען קען אים נישט צוגלייכן צו וויפיל רבי שמואל אייזיק איז אריין אין דעם פרדס, אבער וויפיל ער גייט אריין - אט אזוי גייט ער ארויס, איז ער א 'נכנס ויצא בשלום'.

"רבי עקיבא נכנס ויצא בשלום". רבי עקיבא איז טאקע געגאנגען אין פרדס - ווייט. רבי עקיבא איז געגאנגען און געגאנגען - און ארויס. אבער יעדער איינער מוז דאך עפעס אריינגיין אין פרדס. דער 'נכנס ויצא' בכח פון דעם רבי'ן איז אפילו ביי א קליין מענטשעלע לויט וויפיל ער גייט אריין. ער גייט אריין - ער האט זיך דארטן זיינע שיעורים קבועים, ער רעדט צום אויבערשטן דיבורים, מיט זיינע וועגן - איז ער ממש אין זיין ערך 'א נכנס ויצא בשלום'.

עס איז א געוואלדיגע זאך. אויך פארוואס? ווייל דער רבי נעמט אים מיט א נעימות, ער איז אים מקרב מיט א נעימות, ער שטארקט אים, ער קוויקט אים, ער ווערט אביסעלע פרייליך, קען ער טאקע תשובה טוהן אויך.

❖

## "כִּי יַרְבֶּה לִסְלוֹחַ"

דער רבי זאגט אין ספר המידות[סח]: "יֵשׁ לְהָקֵל אֹפֶן הַתְּשׁוּבָה עַל הַחוֹטְאִים". נישט ווייל מען וויל אים איינרעדן, נאר דער צדיק האט א כח טאקע אז דאס וואס ער זאגט און וואס ער רעדט זאל טאקע האבן דעם כח אים צו ברענגען צו תשובה.

אין א הלכה ברענגט רבי נתן[סט]: "וְאֶל אֱלֹקֵינוּ כִּי יַרְבֶּה לִסְלוֹחַ". דער מדרש ברענגט א מחלוקת; טייל זאגן - דאס מיינט מען דעם 'עשירית האיפה'. ווייל דער

---

[סח] ערך 'תשובה' אות י"ט.

[סט] עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות מ"ב, וזל"ש: וְעַיֵּן מַה שֶּׁאִיתָא שָׁם בְּמִדְרָשׁ וַיִּקְרָא הַנִּזְכָּר לְעֵיל (פָּרָשָׁה ה) שֶׁאָמַר רַב זְעֵירָא עַל פָּסוּק (ישעי' נה, ז) **וְאֶל אֱלֹקֵינוּ כִּי יַרְבֶּה לִסְלוֹחַ**, אַף הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וִתֵּר לָנוּ סְלִיחָה אַחַת מִשֶּׁלוֹ, וְאֵיזוֹ זוֹ עֲשִׂירִית הָאֵיפָה. וְהַפֵּרוּשׁ אֵינוֹ מוּבָן לִכְאוֹרָה. אַךְ הַכַּוָּנָה

אויבערשטער האט געוויזן (אלע קרבנות) **פאר אברהם אבינו** - און די **עשירית האיפה** האט ער אים נישט געוויזן, (ער האט אים נאר געוויזן דער) **'עגלה משולשת ותור וגוזל'**, אבער די **'עשירית האיפה'** שטייט נישט.

דאס איז די **'התחזקות'**. ווייל די עשירית האיפה איז דאך פון דעם גרעסטן ארעמאן וואס האט נישט קיין 'תור וגוזל' - ער ברענגט אַן עשירית האיפה. איז דאס האט ער אים נישט געוויזן. **"ואל אלקינו כי ירבה לסלוח"**.

דער כח פון דעם צדיק איז אזוי גרויס טאקע - **"כי ירבה לסלוח"!** אפילו ער פארמאגט נאר אביסעלע מעל, אפילו ער האט אויך נישט קיין 'תור וגוזל'[ע].

(ר' נחמן: די לעצטע ווערטער פון ר' נתן'ען איז דאך געווען "חנון המרבה לסלוח"!) **"חנון המרבה לסלוח!"** - **יא יא**[עא].

---

הִיא שֶׁזֶּה הַחֶסֶד שֶׁסּוֹלֵחַ עַל יְדֵי עֲשִׂירִית הָאֵיפָה, הוּא יִתְבָּרַךְ מְוַתֵּר מִשֶּׁלּוֹ, כִּי לֹא גִּלָּה זֹאת לְאַבְרָהָם אָבִינוּ שֶׁיַּרְבֶּה לְרַחֵם וְלִסְלֹחַ כָּל כָּךְ. כִּי לֹא גִּלָּה רַק הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים שֶׁמְּרַחֵם עַל יְדֵי בְּחִינַת שְׁאָרֵי הַקָּרְבָּנוֹת הַגְּדוֹלִים שֶׁמְּרֻמָּזִים **בְּעֶגְלָה מְשֻׁלֶּשֶׁת וְתוֹר וְגוֹזָל**, שֶׁהֵם בְּחִינַת פָּרִים וְכוּ' כַּמְבֹאָר בַּמִּדְרָשׁ. אֲבָל סוֹד רִבּוּי הַסְּלִיחָה שֶׁל בְּחִינַת עֲשִׂירִית הָאֵיפָה, זֶה לֹא גִּלָּה אֲפִלּוּ לְאַבְרָהָם אָבִינוּ, וַאֲפִלּוּ לְמָאן דְּאָמַר שֶׁגִּלָּה לוֹ, הָיָה רַק בְּרֶמֶז. רַק הוּא יִתְבָּרַךְ מְוַתֵּר סְלִיחָה אַחַת מִשֶּׁלּוֹ בְּחִינַת וְאֶל אֱלֹקֵינוּ כִּי יַרְבֶּה לִסְלוֹחַ. **וְזֶה הַדָּבָר אִי אֶפְשָׁר לְגַלּוֹת בְּפֵרוּשׁ עַד הֵיכָן רַחֲמָיו וְרִבּוּי סְלִיחָתוֹ מַגִּיעַ, רַק כָּל אֶחָד צָרִיךְ לְהָבִין מֵעַצְמוֹ שֶׁיָּחוּס עַל עַצְמוֹ תָּמִיד וְאַל יִתְיָאֵשׁ עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים.** שֶׁכָּל זֶה סוֹד קָרְבַּן מִנְחָה עֲשִׂירִית הָאֵיפָה שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת מִנְחַת שְׂעוֹרִים וְכוּ' כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, וכו' עיין עוד שם.

[ע] וזל"ש אות מ': **אַף עַל פִּי שֶׁאֵין הַחוֹטֵא יָכוֹל לְהָבִיא פַּר וְאַיִל וְכֶבֶשׂ, וַאֲפִלּוּ עוֹפוֹת תּוֹרִים וּבְנֵי יוֹנָה אֵין יָדוֹ מַשֶּׂגֶת לַהֲבִיאָם, אַף עַל פִּי כֵן מָצָא לוֹ ה' יִתְבָּרַךְ תַּקָּנָה בְּרַחֲמָיו הַמְרֻבִּים, שֶׁיָּבִיא עַל כָּל פָּנִים עֲשִׂירִית הָאֵיפָה קֶמַח. וּבָזֶה גִּלָּה לָנוּ וְרָמַז לָנוּ שֶׁרַחֲמָיו לֹא כָלִים לְעוֹלָם. שֶׁאֲפִלּוּ אִם אֵין הָאָדָם יָכוֹל לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה כָּרָאוּי לְפִי מַעֲשָׂיו כְּמוֹ בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה הַקַּדְמוֹנִים שֶׁהָיוּ מִתְעַנִּים וּמְסַגְּפִים עַצְמָן הַרְבֵּה מְאֹד כַּיָּדוּעַ. אַף עַל פִּי כֵן חָלִילָה חָלִילָה לִמְנֹעַ חַס וְשָׁלוֹם מֵחֲמַת זֶה מִתְּשׁוּבָה. כִּי גַּם נְקֻדָּה טוֹבָה אַחַת שֶׁל בְּחִינַת תְּשׁוּבָה יָקָר מְאֹד בְּעֵינֵי ה' יִתְבָּרַךְ!**

[עא] עיין במכתב ההסתלקות, ובימי התלאות: וּבְשָׁבוּעַ שֶׁאַחַר זֶה נִפְטַר וְיָצְאָה נִשְׁמָתוֹ בְּאֵלֶּה הַתֵּבוֹת **"חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ"** בַּיּוֹם הָעֲשִׂירִי לְחֹדֶשׁ טֵבֵת. ומוסיף שם בימי התלאות: **וְהַמּוּבָן מִכָּל זֶה** כִּי נִמְצָא בּוֹ מִצַּד נִשְׁמָתוֹ גַּם כָּל הַסְּלִיחָה וְהַכַּפָּרָה שֶׁל יוֹם הָעֲשִׂירִי מֵעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה הוּא יוֹם-כִּפּוּר, כִּי הַרְבֵּה הַרְבֵּה בַּעֲלֵי-תְּשׁוּבָה שֶׁבְּוַדַּאי נִתְכַּפֵּר לָהֶם עֲווֹנוֹתֵיהֶם, חָזְרוּ בִּתְשׁוּבָה עַל-יְדֵי דִּבּוּרָיו וּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁהִשְׁאִיר אַחֲרָיו. **וְלוּלֵא דְּמִסְתְּפִינָא** הָיִיתִי אוֹמֵר שֶׁזֶּהוּ גַּם שֶׁשְּׁמוֹ הַקָּדוֹשׁ "נָתָן" גִּימַטְרִיָּא

(ר' חיים שלמה: דער רבי האט געזאגט: מען וועט נישט צונעמען זיינע לייט פון דער וועלט ביז זיי ענדיגן זייער זאך!) **"דער אויבערשטער וועט דאס מיר נישט טוהן - צונעמען א מענטש פון מיינע מענטשן אינמיטן!"** - אין חיי מוהר"ן שטייט דאס לשון[עב]. דאס הייסט, אָן תשובה.

דער עיקר איז נאר, דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך האלטן ביים רבי'ן, מען זאל רעדן צום אויבערשטן דיבורים.

❖

# "ועכשיו" - די רגע!

נאך א זאך וואס דאס איז א געוואלדיגער יסוד פון דעם רבי'נס זאך וואס מיר רעדן דא: מען זאל זיך ליב האבן איינער דעם אנדערן, האבן אהבה איינער צום אנדערן, דאס איז א נפש אחת, איינער העלפט דעם אנדערן, אפילו יענער איז אין אמעריקע - איך בין דא און יענער איז דארטן. אז מען האט עפעס א אהבה, א קשר, העלפט איינער דעם אנדערן, ווייל זיי האבן אלע א התקשרות צום רבי'ן!

(ר' נחמן מזכיר מכתב מר' נתן ב"ר יהודה: אזוי האב איך געהערט פון רבי נתן'ען: "ועכשיו" - און היינט איז די התחלה פון רבי'ן! **מען קען נישט טוהן קיין שום התחלה אין עבודת השם נאר דורכ'ן רבי'ן!** און ווער עס וועט מער מתמיד זיין אין דעם רבי'נס ספרים, וועט אוודאי זיין א 'נכנס בשלום ויצא בשלום'!) **יא יא!**[עג]

---

מְכֻוָּן מַמָּשׁ מִסְפַּר מִנְיַן הַתֵּבוֹת "חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ", וְזֶה אֲשֶׁר גַּם אַדְמוֹ"ר הַנַּנְמ"ח מוֹהֲרַ"ן זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה סָמַךְ יָדוֹ עָלָיו וְאָמַר עָלָיו שֶׁהוּא יוֹדֵעַ מִמֶּנּוּ יוֹתֵר מִכֻּלָּם, וּמֵחֲמַת כֵּן זָכָה לְחַבֵּר סִפְרֵי "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת" הַקְּדוֹשִׁים, וְסֵפֶר "לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת", **הַמְעוֹרְרִים וּמְחַזְּקִים כָּל אִישׁ מִגָּדוֹל וְעַד קָטָן לְהַנְטוֹתוֹ לְטוֹב, לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה.**

[עב] עיין שם אות ש"ב: **שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר שֶׁכָּל אֶחָד מֵאֲנָשָׁיו בְּוַדַּאי יִזְכֶּה בַּסּוֹף לָבוֹא בְּזֶה הָעוֹלָם לְמַה שֶּׁצָּרִיךְ. וְאָמַר שֶׁאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לִי זֹאת חַס וְשָׁלוֹם בְּשׁוּם פַּעַם לִקַּח מִמֶּנִּי אֵיזֶה אִישׁ מֵאֲנָשַׁי בְּאֶמְצַע. כְּלוֹמַר רַק כָּל אֶחָד יַאֲרִיךְ יָמִים וְשָׁנִים, וְיִחְיֶה בְּוַדַּאי וְיִתְיַגֵּעַ וְיַחְתֹּר חֲתִירָה אַחַר חֲתִירָה, עַד אֲשֶׁר יִזְכֶּה לָבוֹא לְעִנְיָנוֹ וּלְמַדְרֵגָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁהוּא צָרִיךְ לָבוֹא בְּזֶה הָעוֹלָם אֲשֶׁר בִּשְׁבִיל זֶה נִבְרָא.**

[עג] מכתב מיום ב' תשא, מכתב י"ג, וזל"ש: ואני אשלח לכם בעצמכם משלוח מנות דיבור אחד

**אונזערע לייט פלעגן זאגן אזוי: דער רבי רעדט דאך פון "היום אם בקולו תשמעו"[עד]. אין דעם "היום" איז דאך דא א גרויסער טאג. אבער "עכשיו" איז - 'די' רגע! 'עכשיו' איז נאך מער פון 'היינט' - 'עכשיו' איז די רגע! איצטער!**

**אין ליקוטי מוהר"ן שטייט** (תורה ע"ד)**: "כִּי בַּתְּחִלָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח, וְעַל כֵּן כָּל הַמִּצְווֹת הֵם זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם. וְעַכְשָׁו - וְלֹא סִיֵּם". פלעגן אונזערע לייט מדייק זיין דא תמיד דעם חילוק פון "ועכשיו" ביז "היום" - "עכשיו" איז יעדע רגע!**

(ר' נחמן: אונזערע לייט פלעגן מקשר זיין די דריי "ועכשיו"ס: "ועכשיו יש נחל נובע"[עה], און דער "ועכשיו" פון תורה ע"ד, און דער "ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו"[עו]!)

**דער רבי האט דאך געזאגט: "ווען מען דערמאנט זיך אין מיר איז מען 'כקטן שנולד'!".**

**וואס הייסט 'מען דערמאנט זיך אין רבי'ן'? אז איך דערמאן זיך אין דער רחמנות פון דעם רבי'ן, און פון די אהבה וואס דער רבי האט צו יעדן איינעם, דעמאלט איז מען ממש אזוי ווי א ניי געבוירענער מענטש! א ניי געבוירענער! כקטן שנולד!**

---

ששמעתי מאדמו"ר רבי נתן זצוק"ל מענין פורים שאמר רבינו ז"ל: "מתחילה היו כל התחלות מפסח ועכשיו וכו' ולא סיים". **ושמעתי ממנו ז"ל שאמר, ועכשיו יש רבינו ז"ל שכל התחלות מאתו שא"א להתחיל ליכנס בעבודת השי"ת כי אם ע"י ספרי רבינו ז"ל, וכל מי שיתמיד יותר בהם בודאי יכנס בשלום ויצא בשלום!**

[עד] ליקוטי מוהר"ן סי' רע"ב.

[עה] חיי מוהר"ן אות קפ"ט.

[עו] עיין נחת השולחן סי' תנ"ג: "**מתחילה עובדי ע"ז היו אבותינו ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו**" ... רק שגם זאת צריך לידע שעכשיו קרבנו המקום לעבודתו. **וידוע שמילת "ועכשיו" מגבלת את הזמן ביותר**, היינו ועכשיו דייקא בזה היום והשעה והרגע שאנו מדברין ועוסקין בו. כי צריכין להאמין שבלילה הזאת ובפרט בשעה זו שישראל יושבין על הסדר ועוסקין בסיפור יציאת מצרים ולקיים המצות שבזאת הלילה נמשך אז מלמעלה הארה גדולה כזאת על כל אחד מישראל עד שכל אחד יכול להתקרב לעבודת השי"ת בהתקרבות אמיתי אפילו אם עבר עליו מה שעבר.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס, הלא הם

**המחותנים**

**מו"ה זלמן לייב ראזענבערגער הי"ו - מאנסי**
לרגל נישואי בנו החה"ח אברהם יהושע העשיל נ"י

**מו"ה מאיר קליין הי"ו - קרית יואל**
לרגל נישואי בתו

למזל טוב

**מו"ה בעריש קויפמאן הי"ו**
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בנו החה"ח יואל שמעון נ"י
עב"ג מו"ה אפרים אליעזר במוה"ר
ר' יצחק פריעדמאן הי"ו למזל טוב

**מו"ה שמשון צבי בלומענבערג הי"ו**
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו למזל טוב

**מו"ה יצחק דוב ניימאן הי"ו**
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו למזל טוב

**מו"ה שמחה פערלשטיין הי"ו**
מאנסי
לרגל הולדת בנו למזל טוב

**מו"ה נתן האבערפעלד הי"ו**
מאנסי
לרגל הולדת נכדתו אצל בנו ר' מרדכי הי"ו
מירושלים עיה"ק למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן ציון**
**בן מינדל לרפו"ש**

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים